NOAH E. COTSEN LIBRARY OF
YIDDISH CHILDREN'S LITERATURE

STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 13031

# SA KINDER SHPIL

Solomon Davidman

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x101, or by email at cmadsen@bikher.org.

שלוימע ראָזענמאַן

צ״ט־ראלע יידישע ביבליאטעק
ארכיון

# סאַ קינדער שפּיל

שלימע האַיימאַן

# סא קינדער שפּיל

# SA KINDER SHPIEL

Copyright by

**SHLOIME DAVIDMAN**
3238 Augusta Blvd.
Chicago, Ill.

*Printed in U. S.* *(Donated)*

# מיר ווילן ברויט.

(וואריאנט)　　　　　　　　　　　ערשטע סצענע.

(פארנאכט. א ראג פון גאס.)

שיך־פוצער:
שאין, שאין!
איך פוץ שיך,
גוט און גיך
און פיין —
שאין, שאין!
(קיינער זעט זיך ניט. אינגל גענעצט.)

פון באגינען
גיי איך אום פארדינען
אף ברויט.
בא אונדז אין הויז
לויפט ארום די מויז
און בייסט די נויט.
ניטא קיין ארבעט.
ליידיק זיינען מאטנס הענט.
ער גייט ארום,
ווי שטום,
און קוקט אף אונדזערע נאסע ווענט.
און אמאל,
נעמט ער אזא מין ברום,
א לייבן־קאל,
די מיר — א פראל,
אנטלויפט,
ווי פון א פייער —
ערגעץ ברענט,
ערגעץ לעשן איז אוועק מין טאטע —
און טעג,
אזעלכע אומעטיקע לאנגע —

די מאמע וויינט,
עס וויינען שוועסטערלעך,
עס וויינען נאסע ווענט.

צייטונגס-פארקויפער: (לויפט אן.)
„ניוס", „טיימס".
רוזוועלט זאגט:
„ניט קלאגט,
פראספעריטי צוריק
מיט גליק
אין אונדזער לאנד.
אט דא,
א שפאן
אף אונדזער ראג —
רוזוועלט זאגט!"
קויפט, לייענט,
„ניוס", „טיימס".

שיך-פוצער: (צום צייטונגס-פארקויפער)
מאקע עמעס? —
און מיין מאמע זוכט א דזשאב.
ליי א צייטונג
אף איין מינוט,
לויפן וועל איך צו מיין מאמען —
זי וויינט און קלאגט —
וועל איך איר ווייזן:
„רוזוועלט זאגט,
פראספעריטי,
עס ווערט שוין ווידער גוט!".

צייטונגס-פארקויפער:
א צייטונגל,
ברודערל,
קאסט צוויי סענט.

האלטסט עס אין די הענט,
ווערט עס שמוציק,
מע נעמט עס ניט צוריק —
מיין גליק.
„ניוס”, „טיימס”,
„רוזוועלט זאגט,
ניט קלאגט,
פראספעריטי”
קויפט, לייענט.
שיך־פוצער:

נישטא קיין סענט,
ליידיק זיינען טאטנס הענט —
שאין, שאין!
איך פוץ שיך,
גוט און גיך
און פיין —
שאין, שאין!
עפל־פארקויפער: (צו די אינגלעך)

העי, קינדער,
קויפט א רויטן עפל.
זעט די גרויס (ווייזט!)
ווי א טעפל,
ווי א קעפל קרויט.
קויפט!
מיינע ברידער בעטן ברויט,
מיינע שוועסטער בעטן מילך,
און אין הויז איז קאלט און נאס,
בין איך פרי ארויס אף גאס.
קויפט אן עפל!
קויפט!
שיך־פוצער: (קוקט אף די עפל.)

שײנע עפּל װאַקסן
אױף דער װעלט.
ניטאָ קײן געלט.
מע פּוצט קײן שיך ניט.
שאַין, שאַין!

ציַיטונגס־פאַרקױפער:
מע לױפט,
מע שרײַט,
קױפט אַ צײַטונג,
אַן עפּל קױפט —
און אױף ברױט איז ניטאָ.
„ניוס", „טײַמס",
רוזװעלט זאָגט:
„ניט קלאָגט —
פּראָספּעריטי!"

עפּל־פאַרקױפער:
„רוזװעלט זאָגט,
ניט קלאָגט!" —
אַ קלאָג צו זײַנע יאָרן,
מיט דער גאָלדענער מעדינע.
צװאָנציק יאָר האָט מײַן מאַמע
געאַרבעט בײַ מאַשינען,
די רײַכע רוכעס
זאָלן האָבן אױף װאָס צו פאָרן,
װאױנען אין פּאַלאַצן
פון אונדזער פּראַצע —
און מיך האָט מען געשיקט
פאַרקױפן עפּל
אױף דער גאַס —
קינדער בעטן ברױט,
קינדער בעטן מילך,

אין הויז איז קאלט און נאס.
(עס קומען אריין צוויי מיידעלעך מיט קעסטעלעך טשואינג-גאם)

ערשט מיידעלע: (שטעלט זיך אוועק)
טשואינג-גאם, גומע טשואינג-גאם, א פעני.

צווייט מיידעלע: (שטעלט זיך לעבן איר)
טשואינג-גאם, גומע טשואינג-גאם, א פעני.

ערשט מיידעלע:
דאס איז מיין פלאץ, איך בין דא נעכטן געשטאנען, גיי אוועק פון דאנען.

צווייט מיידעלע:
דאס איז מיין פלאץ, איך שטיי דא אלע טאג.

ערשט מיידעלע:
גיי אוועק פון דאנען, אז ניט וועל איך דיר צעוואַרפן דיין גאנצע סכוירע.

צווייט מיידעלע:
א נו לאמיך עס טאקע זען, וועסט כאפן א פלעם אין פיסק אריין, אז דו וועסט זיך מעכאיע זיין.

ערשט מיידעלע: (גיט א שמיץ דאס קעסטל און די טשואינג-גאם צעפליט זיך)
פלי פון דאנען.
(ביידע מיידעלעך צעשלאגן זיך, רייסן זיך בא די האר)
(שיך-פוצער, עפל-פארקויפער, צייטונג-פארקויפער לויפן צו, צענעמען זיי און שטעלן זיי אוועק אף צוויי באזונדערע פלעצער.)

צייטונגס-פארקויפער: (צום ערשטן מיידעלע)
דו שטיי דא.

עפל-פארקויפער: (צום צווייטן מיידעלע)
און דו שטיי דא.

נעגער-שיך-פוצער: (קומט אן)
שאין, שאין.

שיך־פוצער: (גייט צו צום נעגער־שיך־פוצער און שמעלט אים אוועק)
און דו, שמיי דא.

א מאן מיט א סיגאר: (קומט אן, שמעלט זיך אפ, נעניצט און צינדט אן א שוועבעלע.)

שיך־פוצער:
שאין, שאין!

עפל־פארקויפער:
עפל, עפל!

ציימונגס־פארקויפער:

„גיים", „מיימס".
(זיי רינגלען ארום דעם מאן מיט'ן סיגאר.)

א מאן מיט א סיגאר:
העי, רעספעקט און איידל,
ביזנעס פירט מען נים אזוי.
ראקעפעלער און פארד און עדיסאן,
האבן נים אזוי געטאן.
(לערנט זיי.)
„איר ווילט א ציימונג, סער!
איר ווילט אן עפל, הער!
מיסטער, פלים, א שאין!"
אט אזוי,
איידל און פיין,
מאכט מען ביזנעס.

ציימונגס־פארקויפער: (מאכט אים נאך.)
איר ווילט א ציימונג, סער?

עפל־פארקויפער: (מאכט אים נאך)
איר ווילט אן עפל, הער?

שיך־פוצער: (מאכט אים נאך)
מיסטער, פלים, א שאין!

מאן מיט א סיגאר:
אט אזוי, פיין!

(זעצט זיך אוועק, נעמט אן עפל, א ציימונג, באצאלט און
לאזט זיך פוצן די שיך.)
(צו די פארקויפער)
און איר לויפט
און שרייט:
„קויפט, קויפט!"
וועט איר מאכן ביזנעס.
און דו, (צום פוצער) פוץ און רייב
שנעל און גיך, די שיך,
מיט הענט און פיס און גאנצן לייב.
מאך אזא מין גלאנץ,
ווי גאנץ און ניי.
(דער נעגער־שיך־פוצער, נים־האבנדיק קיין קונע, פוצט
זיין אייגענע פיס און רעדט צו זיך: דעקלאמירט „דער שיך
פוצער" פון מוישע שיפרים)
(ער באצאלט. רייבט אן שטאלץ נאך א שוועבעלע, פאר־
רויכערט און גייט אוועק.)

שיך־פוצער:
גוט ביי, הער, גוט ביי,
כא־כא־כא.
(אלע דריי צעלאכן זיך.)
אזא יאָלד.



ציימונגס־פארקויפער:
לערנען האט ער אונדז געוואלט.

עפל־פארקויפער:
א מענטש מיט א סיגאר,
האלט זיך פאר א גרויסן האר.
טפו!
(ארבעטלאזע שליאען זיך דורך, דאכלאזע קינדער גייען
דורך, זוכן שפייז אין קאנען, שטיקלעך פון סיגארעטלעך.)

שיך־פוצער:

שאין, שאין!

ציימונגס־פארקויפער:
„ניוס", „טיימס".

עפל־פארקויפער:
עפל, עפל!

ארבעטלאזער: (קוקט א ווײַלע אף זײ)
חעי, יונג,
וואס שרייבט זיך אין דער ציימונג,
פראספעריטי? —
אט איז זי: (ווייזט אף די ארבעטלאזע, דאכלאזע)
מענטשן מיט נעזונטע הענט,
שטייען הונגעריק בא ווענט
פון פאבריק,
מיט אראפגעלאזטע קעפ —
פאר די רייכע אנגעזאמלט גליק
און וואוילטאג
פולע טעפ.
און פאר זיך —
אלטער מאנטל, לעכערדיקע שיך.
„שאין, שאין"
ברענגט קיין נוצן,
קענסט די לעכער נים פארפוצן.
און דיינע עפל זיינען גוט און רויט,
אבער נימא אפילע אף קיין ברויט. —
שרייט נים אויט אזוי הויך
אייער סכוירע,
איר ווארפט אף אונדז ארויף
א גרויסע מוירע.
שטילער דארפט איר דורכלאזן,
אונדזערן אן ארבעטלאזן!
(עס ווערט טונקעלער, שאטנס דרייען זיך ארום בא הענט.)

שיך־פוצער: (שטילער)

שאַין, שאַין,
איך פּוּץ שיך.
גוט און גיך
און פֿיין — (נאָך שטילער)
שאַין, שאַין!

ציַיטונגס־פאַרקויפֿער: (שטאַרקער)
„ניוס", „טיימס",
לייענט,
קויפֿט,
פּראָספּעריטי,
גליק,
קומט צוריק.

עפּל־פאַרקויפֿער: (שטילער)
עפּל, עפּל,
א ניקל,
א שטיק.

אָרעם קינד: (צום שיך־פּוצער און ציַיטונגס־פאַרקויפֿער)
אייך איז גוט,
איר פֿאַרדינט אף ברויט,
און העלפֿט נאָך טאַטע־מאַמען,
בא אונדז איז אַזאַ נויט —
מאַמע האָט נעכטן אונדז געוואָלט פֿאַרסאַמען.
אין הויז איז אַזוי קאַלט,
ווי ווינטער אין וואַלד.
איך און מיַינע ברידער ווילן עסן,
מיַין טאַטע ארבעט ניט.
ער איז אַוועק.
שוין דריַי טעג,
גליַיך ווי ער וויל
אין אונדז פֿאַרגעסן.
(צום עפּל־פאַרקויפֿער.)

דיינע עפּל זייַנען רויט
ווי בלוט.
ווען מע גיט מיר כאָטש אַ שטיקל ברויט,
ווער איך זאַט
אַף אַ גאַנצן טאָג!
ניטאָ קיין געלט,
סי שלעכט,
אַ גרויסער קלאָג
איז איצטער אַף דער וועלט!
(לאָזט זיך אַראָפּ.)
אין הויז איז קאַלט און נאַס,
איך וועל שוין בעסער נעכטיקן אַף גאַס!
(עס ווערט טונקעלער. אַרבעטלאָזע שלאָפן שטייענדיק באַ
ווענט. קינדער דעקן זיך צו מיט צייטונגען און
שפּאַרן זיך צו.)

## צווייטע סצענע.

(אַ קינדער ברויט-ליניע. אַ סקול-געביידע. סאַלוויישן-אַרמי סטאַנ-
ציע. דורך צוויי פענסטער טיילט מען אויס שטיקלעך ברויט און
ביסלעך סופּ. אַ מאַן מיט אַ סיגאַר, אַ מאַן פון סאַלוויישן-אַרמי,
האַלטן די קינדער אין אָרדנונג. עס פילט זיך אַן אומרו אין דער
ליניע. ווען די מענער פאַרקוקן זיך, טײַלן אויס פּיאַנערן ליפלעטס.)

איין קינד:
מע זאָגט, אַז באַלד וועט שוין קיין סופּ ניט זיין.

צווייט קינד:
און איך האָב שוין דעם צווייטן טאָג אין מויל ניט געהאַט.

דריט קינד:
אוי! (כאַלעשט אַוועק.)

איין קינד צום צווייטן: (איבער דער ליניע)
אַ קינד האָט געכאַלעשט פון הונגער!
(די צוויי מענער לויפן צו, הייבן אויף דאָס קינד, נעמען אים
אַרויס פון דער ליניע און פירן אים צו די פענסטער.)

א מאן מיט א סיגאר:
האלט דיך שטארק, אינגעלע, דו קריגסט גלייך א גרויס שטיק ברויט.

א מאן פון סאלוויישן ארמי:
און דו וועסט קריגן א סופּ, א פולן טעלער סופּ.

איין קינד:
קינדער, לאמיר אלע כאלעשען, וועלען מיר גלייך קריגן סופּ און ברויט.

א מאן מיט א סיגאר:
דו, קליינער, כאכמע זיך ניט, אז ניט ווארפן מיר דיך באלד ארויס. (איין פענסטער פארמאכט זיך.)

איין קינד צום צווייטען: (איבער דער ליניע)
מע גיט שוין/מער ניט קיין סופּ.

א מאן מיט א סיגאר: (צום סאלוויישן מאן)
עפשער זאלן מיר זיך אפטראגן? עס וועט באלד קיין ברויט אויך ניט זיין.

א מאן פון סאלוויישן ארמי:
לאמיר שטיין אין דער זייט.
(עס קומען אן די קינדער פון שול, קינדער ברענטש פון אינ־טערנאציאנאלן ארבעטער ארדן, פיאנערן גרופּע. מע שטעלט זיך אויס מיט פלאקאטן און פאנען)

פאָרזיצער:
דער היינטיקער אָפּען עיר מיטינג איז גערופן געוואָרן פון די קינדער פון ארבעטלאזע, פון דער אידישער קינדער שול באם אינטערנאציאנאלן ארבעטער אָרדן, פון קינדער ברענטש פון אינטערנאציאָנאלן ארבעטער אָרדן און פון די פיאָנערן.

איין קינד צום צווייטן: (איבער דער ליניע)
מע גיט שוין מער ניט קיין ברויט.
(עס פארמאכט זיך דאס צווייטע פענסטער)
(עס ווערט אָן אומרו. אין א ווינקל שטייען ביידע מענער)

**א מאן מיט א סיגאר:**
קום שנעל רופן די פאליציי. (אפ)

**פארזיצער:**
מיר ווילן באם היינטיקן מיטינג אויסקלייבן דעלעגאטען קיין וואשינגטאן. מיר וועלן גיין צום פרעזידענט רוזוועלט און פון אים פאדערן, אז ער זאל פארזארגן די הונגעריקע קינדער.
(די קינדער פון דער ברויט ליניע זאמלען זיך ארום דעם אפען עיר מיטינג.)

**פארזיצער:**
דער ערשטער וועט רעדן א פיאנער.

**פיאנער:**
ארבעטער קינדער!
וואס שטייט איר דא
אזוי פארטרויערט,
וואס בעט איר דא
בא גרויער טויער? —
שפיל, ווי בעפלער,
איינגעבויגן,
אויסגעשמעלט די הענט
צו שטומע ווענט,
אראפגעלאזט די אויגן? —
דאס איז אייערע פאטערס פראצע,
אייערע מוטערס שווייס און בלוט,
אייער מי און גליד און פלייצע —
יעדער ציגל
קאסט אונדז אזוי טייער!
און אירווארט נאך אלץ
אף יוישער
פון דעם אוישער? —
וואס

ווען איך שוין צוטײלן
דער באלעבאָס? —
אָרגאַניזירט זיך!
מאָביליזירט,
דעמאָנסטרירט,
צוזאַמען, אינאײנעם,
האָבן מיר פאר קײנעם
נים קײן מורע
שטורמט אויף דאס לאַנד.
ברויזט,
פײַערט, קעמפט,
הויבט אויף א פויסט!

אײן קינד:
מאָביליזירט!

צװײט קינד:
אָרגאַניזירט!

דריט קינד:
דעמאָנסטרירט!

עפּל־פאַרקויפער:
ברויזט!

עטלעכע:
א פויסט!

אײן קינד:
וואס דארפן מיר טאָן? —

פיאָנער:
מיר שיקן קינדער דעלעגאטן
פון די אלע הונגער שטאטן
צו דעם פּרעזידענט פון לאַנד.
און מיר פאדערן ברויט
פאר אלע הונגעריקע! —
זײַנט איר גרייט?

אלע:

מיר וועלן קעמפן.

איין קינד:

איך נעם אן אלם דעלעגאט.

צווייט קינד:

איך וועל גיין קיין וואשינגטאן.

דריט קינד:

איך וועל פאדערן באם פרעזידענט.

פארזיצער:

און איצט וועט רעדן צו אייך א מיטגליד פון קינדער ברענטש פון אינטערנאציאנאלן ארבעטער ארדן. דער ברענטש זארגט פאר'ן געזונט און לעבן פון ארבעטער קינד.

ארדן מיטגליד:

ארבעטער קינדער!
וואס שטייט איר דא
אוןווארט א שא
און צוויי
אף דעם ביסעל סוף?
דער טאם פון שפייז אין סקול
איז פול מיט טאס.
דער לערער רעדט אונדז איין,
אז אלץ איז פיין
און דעמאקראטיש.
לייטיש,
פריי. —
אז באשערט איז עס פון גאט!
אזוי דארף זיין
אף אונדזער וועלט,
אין אונדזער לאנד:
אז אויסגיין זאלן מיר
פון הונגער

נויט
און קעלט;
שטאַרבן פאר א שטיקל ברויט
זאל קינד
און מאן
און פרוי
און יונגער
אין אונדזער גאלדן לאנד!
רייך
און גרויס
און ברייט און פעט
איז אונדזער לאנד.
אונדזער שפייז,
ווארפט דער באַס
אריין אין טייך.
פארוואס?
ווייל איר שטייט
און בעט
און ווארט א שאַ
און צוויי
אויף דעם ביסל סופ.
לאָזט הערן אייער שטימע.
שטעלט ארויס
די פויסט,
הויבט אויף א האנט,
אז א ציטער טאָן
זאָל אונדזער גאָלדן לאנד!

איין קינד: —
הייבט אויף דעם קאָפּ.

צווייט קינד:
הייבט אויף די האנט.

דריט קינד:
ציטערן זאל אונדזער לאנד.

פאָרזיצער:
אָך איצט וועל איך אייך פאָרשטעלן א קינד פון די ארבע־
טער קינדער שולן באַם אינטערנאַציאָנאלן ארבעטער ארדן.
דאָס זיינען די איינציקע שולן, וואס דערציען די קינדער צו
העלפן דעם קאמף פון ארבעטער קלאס.

שול־קינד:
ארבעטער קינדער!
דאכלאָזע קינדער!
אין דער שול
באַם אינטערנאַציאָנאלן
ארבעטער ארדן,
לערנט מען: אז פול
איז איצט די גאנצע וועלט
מיט ארבעטלאָזיקייט,
מיט הונגער און מיט מארדן,
וועלט־מילכאָמע ווערט געגרייט,
ברודער־שלאכטן האבן זיך פארשפּרייט.
נאר איין לאנד
איז נאר פאראן,
וואו די שאנד
פון קינדער דאכלאָזע
איז שוין נישט פאראן.
אמאָל האָבן דארטן
קינדער אויך געהונגערט,
געוואָגלט און געוואנדערט,
אָפּגעריסענע, צעשליסענע,
אף נאסער גאס,
אף העפקער,
אף ווינטן און אף קעלט. —

היינט איז דאָרט
אַן אַנדער וועלט,
אַ נייע וועלט:
עס שיינט דאָרט זון אויף ברייטן פעלד,
עס שטראַלט די פרייד אויף גרויסער שטאָט.
עס איז דאָרט קינד פון שול אַ העלד,
עס גייט דאָרט קינד אין לעצטן טראָט.
פּיאָנער איז שטענדיק גרייט
צו העלפן לאַנד אין יעדער קאַמף
פאַר פּלאַן, פאַר ראַדיאָ, פאַר ברויט,
מאַשין און טראַקטאָר, פאַבריק און דאַמף.
שליסט זיך אָן
אין קינדער שול,
אין אָרדן־ברענטש,
אין די פּיאָנערן —
אָרגאַניזירט זיך, אינאיינעם,
וועלן מיר זיך לערנען
ווי צו קעמפן
פאַר אַ בעסער לעבן
און ווי אַזוי באַפרייט
צו ווערן.

אַלע: (פּליעסקען מיט די הענט)
ריכטיק, ריכטיק.

דאַכלאַז נעגער קינד:
ברידער, קינדער!
הייליק זיינען
זייערע רייד,
איר שטייט און שטייט
און בעט
און וואַרט אויף שטיקל ברויט.
ווי לאַנג נאָך

וועלן מיר דא וואַרטן
הונגעריק־פאַרשמאַכטע
און טראַכטן
ווער סי שולדיק אין אונדזער נויט? —
מיר ווילן עסן,
מיר ווילן ברויט.
וואָסער ווערט האָט אונדזער לעבן,
ווער האָט טירע פאַרן טויט!
אין קאַמף!
אַלע, אַלע, ווייס און שוואַרץ,
צוזאַמען, קליין און גרויס,
פאַראויס!
א טויט
די רייכע
מיט די פעטע בייכער —
אין קאַמף
פאַר ברויט!
(אַלע מאַרשירן אַרום דער בינע מיט פּלאַקאַטן אין די הענט.
פאַראויס ווייסע און שוואַרצע דעלעגאַטן, מיט פויסטן רוף:)

אַלע:
א טויט
די רייכע,
מיר ווילן ברויט!
(מיט געזאַנג מאַרשירן זיי אוועק.)

* * *

(די דראַמסטודיאָ האָט דורכגעפירט „מיר ווילן ברויט”, מיט ענדערונגען, צוגעפּאַסט מערסטע קינדער ראַליען פאַר גרויסע, עס איז אַריין דער טייל:)
(עס קומט אָן די סאָלווייִשן אַרמי — מיט פויק. שטעלן זיך אין א קרייז. מע זינגט נאָטס ליד. דער אויילעם זאַמלט זיך אַרום)

פריידיקער:

גאָט זאָגט:

און ווען די מענטשן
ווערן פיל מיט זינד,
עס גלויבט ניט מאַן
ניט פרוי
ניט קינד:
טו איך אזוי:
הונגערן וועט יעדערער אף ערד,
הונגערן וועט יעדערער אין וועלט,
נויט און קרענק און טויט
פארשפרייטן וועל
אף יעדער הויז
אף יעדער שוועל
פון מענטשן קינד.

גלויביקע:

איך בין אויך געווען א זינדיקע
און נויט און הונגער
האָט אין הויז בא מיר
געהערשט.
און א מויד, נאך גאר א יונגע,
האָט טויט פארכאפט
אין זיינע נעגל.
איך האב זיך אומגעקערט צו גאָט
און גאָט האָט מיך גענומען בענטשן.
מענטשן זינדיקע,
מענטשן פון נויט און הונגער,
קערט זיך אום צו גאָט,
ער וועט די זינד פארגעבן
און ברענגען ליכט אין
אונדזער אָרעם לעבן.

פריידיקער:
גאָט,
וואָס האָט
די גאַנצע וועלט באַשאַפֿן.
הימל, ערד
און מענטשן,
איז גרייט פֿאַרגיבן די זינד
פֿון מענטשן קינד,
און אייך און אייער לעבן
בענטשן.
קערט זיך אום צו גאָט.
נאָר אין גלויבן
קענט איר זיך דערהויבן.
שיין וועט ווערן אייער לעבן
און איר וועט נאָך קריגן דעם גאַן אייד
אויף יענער וועלט.

פרוי:
העי דו, מיט כוצפּע אין דיין מויל,
עס כאַפּט דאָך אָן א גרויל
פֿון יעדן וואָרט פֿון דיינעם.
דו האָסט פֿאַרקויפֿט דיין לייב
צו גאָט און זיינע פּאַראַזיטן
פֿאַר א טעפּל סופּ
פֿאַר א שטיקל ברויט —
און דינסט די רייכע
מיט מויל און לייב און לעבן —
פֿאַר א שטיקל קליידל —
מער ווי ברעקלעך פֿון דעם רייכנס טיש
וועט מען דיר ניט געבן.

צווייטע פרוי:

דו הייסט אונדז קוקן אפן הימל,
דינען גאט און זיינע לייט
און דא אויסגיין פונ׳ם הונגער
שטיל ווי לעמעלעך און שטרייט.
מיר האבן צופיל שוין דעם גלויבן
אין דיין גאט, און אין דיין באס —
אבער וויסט און פינסטער איז דאס לעבן
נויט און טויט שניידט אונדז ווי גראז.
עפעס מוז א ניי ווארט קומען,
קומען מוז אן אנדער צייט
נים הונגערן זאלן בא אונדז קינדער,
נים שטארבן זאל דער טאן און ווייב.
קיינער, קיינער וויל אונדז העלפן,
נים גאט, נים רייכער פילט די נויט,
מיר אליין וועלן דארפן קעמפן
פאר דעם קלייד און ביסן ברויט.

פארהענגל.

# די לעוואָנע צו גאַסט באַם סערפּ און האַמער

(באנאכט. קעמער. קינדער שלאָפן אין באנגעלא. דער אויפפאסער דעקט זיי צו. ווארפט דאָס ליכט פון עלעקטרישן לעמפל אין אלע זייטן. אלץ אין ארדנונג, זעצט ער זיך אוועק און פייפט אויס א מאוועטישע מעלאדיע.)

לעוואָנע: (קומט אראָפּ און קייקלט זיך צו צום אויפפאסער)

וואָס זיצטו דאָ
אין שפּעטער שאָ
פארטראכט ?
שפּאציר ארום —
אומעטום
אזא פראכט
לעוואָנע נאכט.

אויפפאסער:

כ'היט קינדערס רו
אין שפּעטע״ שאָ.
בייזער ווינט
קען אפּוועקן א קינד.
א שלאנג קען גיבן א ביס
אין קינדערס פיס.
זיין איך דאָ, אין שפּעטער שאָ
און היט קינדערס רו.
און דו ?

לעוואָנע:

איך שווים און דרימל
אפן הימל
אומעטיק אליין.
שטערן אַן א שיר
רייצן זיך מיט מיר.
און געהערט האָב איך,
אז בא אייך אין קאמער
איז פאראַן א נייע מין לעוואָנע
סערפּ און האמער.
נים געשפּאסט —

**האָט איך געטראַכט,**
**אין אזא נאַכט**
**איז גוט צו זיין צוגאַסט.**

אויפפאַסער:
**א גאַסט**
**איז בא אונז קיינמאָל נים קיין לאַסט.**
(גיים ארויסרופן סערפ און האמער)

לעוואַנע: (קוקט אריין אין באַנגעלע.)
**קינדער לעבן**
**שיין און גוט,**
**ווען מע ארבעט**
**און מע רוט.**
**און איך אף הימל**
**דאַרף אייביק שוועבן —**
**אזא לעבן, אזא לעבן.**

סערפ און האמער: (קומט ארויס מיט א רויטן שטערן)
**א גאַסט פון אויבן,**
**וואָס זשע הערט זיך?**
**מענטשן גלויבן,**
**אז דאַרטן וואוינט א גאָט,**
**וואָס האָט**
**די גאַנצע וועלט באַשאַפן.**

לעוואַנע:
**נאַראַנים גלויבן,**
**פוסט איז אויבן.**
**אייביק שוועבן**
**איז מיין לעבן.**
**און דו**
**מיין פריינט, וואָס היסטו?**

סערפ און האמער:
**איך היט**
**די טריט**
**פון יעדן קינד**

ווען אוף
אין שלאָף.
ווי ווינט געשווינד
קום איך מיט וואַרעם
אַ יעדן אָרט.

לעוואַנע:
צוליב וואָס
טוסטו דאָס?

סערפּ און האַמער:
איך בין די קרוין
פון אַרבעטער און פּויער.
איך טראָג אַ לוין
פאַר אַרבעט — קינד און בויער.
און דאָ אין קעמפּ —
אַרבעט־קינדער, פּיאָנערן,
נים זוי דו, אַ טרעטס,
קען איך דיר שווערן.

לעוואַנע:
ווען זשע זיינען קינדער פריילעך,
אַז מע אַרבעט טאָג און נאַכט;
אַז דער סערפּ איז דאָ דער מיילעך
און דער האַמער האָט די מאַכט.

סערפּ און האַמער:
פריילעך — שטענדיק, אויגן־גלאַנצן,
פרייד, געלעכטער, אַן אַ שיר.
ווילסטו, וועלן קינדער טאַנצן,
זינגען, שפּרינגען דאָ פאַר דיר.

לעוואַנע:
לאָמיך זען טאַקע די קינדער,
עפּעס איז באַ דיר אַ וואונדער.

סערפּ און האַמער:
קינדער, קינדער קומט אַרויס,
לעוואַנע וויל אייך קענען.
ליד פון אַרבעט זינגט דאָ אויס,

ליד פון כאוועך לעניין.

קינדער: (קינדער קומען ארויס טאנצן און זינגען.)

לעוואנע:

טאקע א וואונדער,
וואונדער קינדער,
און איך אף הימל מוז נאר שוועבן,
שווים און דרימל,
אזא לעבן, אזא לעבן.

סערפ און האמער:

נים געזארגט לעוואנע
קומען וועט א צייט.
ווען די וועלט די גאנצע,
ווערן וועט באנייט.
די וועלט — איין לאנד,
א סאוועטן פארבאנד.
יעדער ארבעט, לעבן ניי,
פרייד און פרידן,
אלע פריי.
די וועלט ווערט,
לענין ערד.

לעוואנע:

האָ דאן, א לעבן פיין,
אָבער פון מיר, וואס וועט זיין?

סערפ און האמער:

שיקן וועל א קריצער דאן
אין א רויטן עראפלאן,
פליען וועט ער אפן הימל
און דיך אויפוועקן פון דרימל,
קריצן וועט אף דיר מיין הערב.
שטארקן האמער, שארפן סערפ,
מיט לענין וואָרט באהעלט,
וועסטו שיינען איבער וועלט.

קינדער: (זינגען און טאנצן סאוועטיש, נעמען די לעוואנע מיט סערפ און האמער אינמיטן).

# א יאָנטעוו אין שול

(די שול איז דעקאָרירט מיט בילדער פון רעוואָלו-
ציאָנערן. א געדעקטער טיש. קינדער האַלטן אין
צעלייגן טאַלפּעטקעס).

ראָכל: — קינדער, מיר זיינען שוין באַלד פאַרטיק.

פייגל: — מיר האָבן נאָך קיינמאָל ניט געהאַט אין שול אַזאַ גרוי-
סען יאָנטעוו.

לייבל: — איר ווייסט ניט פאַרוואָס?

קינדער: — איך ווייס, איך ווייס.

לייבל: — זאָג דו, ראָכל, פאַרוואָס?

ראָכל: — ווייל מיר האָבן נאָך קיינמאָל ניט געשיקט קיין דעלע-
גאַציע אין סאָוועטן-פאַרבאַנד.

קינדער: — ריכטיק, ריכטיק.

ייעלוול: — (דער פאָרזיצער, לויפט אריין א צעטומלטער) נו, קינ-
דער, שוין אַלץ צוגעגרייט? פיין. אוי וועט זיין ביי אונז א
יאָנטעוו, נאָך קיינמאָל אַזוינס ביי אונז ניט געווען.

פאַרוואַלטערין: (קומט אריין נאָך מיט איינער באַגריסן דעם יאָנ-
טעוו) א, קינדער, זייער שיין, זייער שיין.

צווייטע פאַרוואַלטערין: — נו, ווען וועט זיך עס אָנהויבן דער
יאָנטעוו?

לייבל: — באַלד, באַלד, מיר דאַרפן אַלץ מאַכן פּינקטלעך.

ראָכל: — וועלוול, די פּראָגראַם האָסטו שוין צוגעגרייט?

קינדער: — (עטלעכע לאָזן זיך צו וועלוועלען) מאַקע, שוין אַלץ צו-
געגרייט?

וועלוול: — אַלץ איז שוין אויסגעשטעלט, הערט זיך איין (לייענט
פון פּאַפּיר): דער לערער וועט עפענען דעם באַנקעט מיט
עטלעכע ווערטער, מיר וועלן זינגען לידער, עטלעכע באַ-
גריסונגען און טענץ.

קינדער: — זייער גוט, זייער גוט.

לייבל (קוקט צו דער טיר): — מען גייט, מען גייט, אַלע קומען
שוין.

קינדער: (זינגען) —
לאמיר אלע פיאָנערן אינאיינעם
די דעלעגאַטן מעקאַבל פּאָנים זיין.
(עס קומען אריין קינדער מיט רוימע בענדלעך. זעקס
דעלעגאַטן: פון נעגער, גאַסטאַניע, וועבער, שול,
נאָדל ארבעטער, פיאָנערן)

דעלעגאַטן: — זייט געגריסט, כאַווײרים, זייט געגריסט.

וועלוול: — אלע וועלן זיך אוועקזעצן. כאַווײרים! היינט איז ביי אונז א גרויסער יאָנטעוו. מיר, די קינדער פון דער אידישער שול ביים אינטערנאַציאָנאַלן ארבעטער אָרדן, האָבן צוגע־גרייט א באַנקעט פאַר דער קינדער דעלעגאַציע קיין סאָ־וועטן־פאַרבאַנד. (מען פּאַטשט מיט די הענט).

וועלוול: — מיר וועלן אָנהויבן מיטן א„ינטערנאַציאָנאַל” (אלע זינגען.)

וועלוול: — דאָס ערשטע וואָרט וועט קריגן אונדזער כאַווער לע־רער פון דער שול.

לערער: — (רעדט וועגן דער דעלעגאַציע, וועגן די שולן אין סאָ־וועטן־פאַרבאַנד און פאַרענדיקט) לאַנג לעבן זאָל אונדזער פּראָלעטאַרישע שול!

וועלוול: — מיר וועלן איצט פאָרשטעלן אן ארבעטער קינד פון אן אנדער ראַסע, אבער פון אונדזער קלאַס, כאַווער וויליאַם.

וויליאַם (נעגער קינד): — כאַווײרים! איך האָב שטענדיק גע־מיינט, אז די ווייסע און שוואַרצע מענטשן דאַרפן זיך פיינט האָבן. איצט אָבער זע איך, אז די קאַפּיטאַליסטן האָבן עס אויסגעטראַכט אזא זאַך. מיר, ארבעטער קינדער, שול קינ־דער, פיאָנערן, פון אלע ראַסן, דאַרפן זיין צוזאַמען צו העלפן אונדזערע עלטערן אין זייער קאַמף. לאַנג לעבן זאָלן די פיאָנערן און ארבעטער־קינדער! (מע פּליעסקעט מיט די הענט).

וועלוול: — נאָך איין כאַוועער וועט ריידן פון אונדזערע דעלע־
גאַטן, כאַוועער מאָרים.

מאָרים (וועבער קינד): — כאַווײרים! מיר האָבן איין לאַנד, וואָס
ווערט אָנגעפירט פון אַרבעטער און פּויערים. מיר וועלן אַלץ
דאָרטן לערנען און קומען צוריק און דאָס אייך דערציילן.
און צוזאַמען וועלן מיר פירן אַ קאַמף, אַראָפּוואַרפן די קאַ־
פּיטאַליסטישע רעגירונג אין אַמעריקע און אויך דאָ איינ־
פירן אַ פרייַ לאַנד. לאַנג לעבן זאָל דער סאָוועטן־פאַרבאַנד!
(הענט פּאַטשן).

וועלוול: — איצט, כאַווײרים, וועלן מיר צובייסן און זינגען אַ פּאָר
לידער. (מען עסט און מען זינגט).

וועלוול: — איך וויל איצט פאָרשטעלן איינע פון אונדזערע שול
קינדער, וואָס וועט דעקלאַמירן פאַר אייך אַ שיינע ליד,
דאָס איז כאַוועריטע ראָכל.

אַלע: — ראָ ראָ ראָ ראָכל, ראָ ראָ ראָכל, ראָ ראָ ראָ ראָ ראָכל,
ראָ ראָ ראָכל.

ראָכל: (דעקלאַמירט אַ ליד, מען פּאַטשט).

וועלוול: — עטלעכע קינדער וועלן דורכפירן אַן אַרבעטער טאַנץ
(מען טאַנצט, קינדער באַגייסטערט).

כאַווײרים: — איידער מיר שליסן אונדזער יאָנטעוו, ווילן מיר
דערמאָנען אַלע געסט און קינדער, אַז אַלע זייערע באַקאַנ־
טע און פריינט זאָלן שיקן זייערע קינדער אין אונדזער שול,
ווייל אונדזער שול איז די איינציקע אידישע אַרבעטער קינ־
דער שול.

אַלע צוזאַמען: — זאָל לעבן די אידישע שול ביים אינטערנאַציאָ־
נאַלן אַרבעטער אָרדן! (מען זינגט דעם אינטערנאַציאָנאַל).
פאָרהאַנג.

# די מאמע עלא מעי.

(דאס ליד „פארטאג" איז איבערזעצט פון נאַכעם ווייסמאַן.)

(אן ארימער צימער. די פיר קינדערלעך און מוירטין
לינן שוין אין בעט. עס ברענט א טונקל לעמפעלע.
מוירטין קושט דער מאמען און רעקט זיך צו).

מאמע: — (זינגט)

שלאָפט זשע, קינדער, שיינע גוטע,
גיט אַ אין הויז קיין ברויט,
וואקסן זאָלט איר העלדן גרויסע,
נים וויסן פון קיין נויט. —

זיידנס וועבן מיר און וועבן
אלץ פאר רייכע לייט.
און פאר אונדז א הונגער לעבן,
אָן ברויט, אָן שיך, אָן קלייד.

שלאפט זשע, קינדער, שיינע גוטע,
קומען וועט א צייט;
ווען די וועלט וועט ווערן שענער,
נים זיין קיין אָרעם און רייך.

(זי רעדט צו מוירטין, וואס וויל נים איינשלאפן)

מאמע: — מיין קינד, שלאף איין און זע, אז אלץ זאל זיין אין ארדנונג. איך וויים נים ווען איך וועל קומען אהיים. איך גיי איצט צו א גרויסן מיטינג פון ארבעטער.

מוירטין: — גוט, מאמע, איך שלאף אייז דו קענסט שוין גיין.

(די מאמע דרייט זיך נאָך ארום. הויבט זיך אן פאַוואָלינקע אָנטאָן. זי הערט זיך צו צו די קינדער. שלאָפן. שטיל. זי שטעלט זיך אוועק בא דער טיר. קוקט אף די קינדער און רעדט פון הארצן).

מאמע: —

פארטאג פארלאזן מיר די היימען
מיט א „גוטן טאג" צו קינדער און צו ברידער.

און ווען מיר שקלאפן אין די וועב-פאבריקן —
וויינען אונדזערע קינדער אין די שטיבער.

און דאס, וואס מיר פארדינען פאר דער ארבעט
— פאר גאנצע טעג פון וועבן פון פארטאגן —
גענוג איז קוים פאר ברויט און פוטער קויפן,
נאר ניט פאר קליידער אפן לייב צו טראגן.

און אז די קינדער בעטן שיך און קליידער,
(ווען פראסט בייסט זייערע לייבער ביז'ן ביין!)
וויינט א מאמעס הארץ פול פיין און צארן,
דאך העלפן קאן זי ניט אליין.

הער אויס מיין ליד, דו מאן און פרוי פון ארבעט,
אין קאמף פאר אונדזער מארגן אויפגעשטאנען.
צוזאמען וועלן מיר דעם קאמף געווינען,
און בויען אונדזער מארגן אויך צוזאמען.

(זי גיט א לעצטן קוק אף אירע קינדער, זי הויבט
אויף שטאלץ דעם קאפ און גייט האסטיק ארויס.)

מוירטין: — (הויבט זיך אויף פון בעט און גייט פאוואליע צו דער דער טיר.) די מאמע איז אוועק. (זי זוכט אין שאפקעלע און געפינט [illegible]) ניטא קיין ברויט. (עס הערט זיך א קלאפ אין טיר.) ווער איז דארט?

קינדער־שטימעס: — מיר, מוירטין, מע קען אריינגיין?

מוירטין: — קומט אריין (קומען אריין) אזוי שפעט און איר שלאפט נאך ניט?

מידעלע: — מיין פאפע און מיין מאמע זיינען אוועק צו א מיטינג.

קינדער: — (איינציקווייז.) מיינע אויך.

מוירטין: — די מאמע האט געזאגט, אז סע וועט זיין זייער א גרויסער מיטינג.

אינגעלע: — איך זאג, אז מיר דארפן אויך גיין צום מיטינג. מיר דארפן העלפן אונדזערע עלטערן אין קאמף קעגן די שלעכ־טע באסעס.

קינדער: — אַוואדע, אַוואדע, מיר דארפן אלע גיין.

מוירטין: — ניין, קינדער, מיר דארפן איצט ניט גיין צום מיטינג. מיר וועלן עפשער גיט פארשטיין די רייד פון די גרויסע מענטשן. אבער וואס מיר דארפן יא טאן, איז גיין מארגן פיקעטן.

קינדער: — וואס מיינסטו?

מוירטין: — מיר דארפן אויפשטיין פרי, זיך טרעפן אף איין פלאץ, אנטאן שילדן אף אונדזערע הערצער און זיך דרייען ארום די שעפער, וועלן עפשער די פאליציי־לייט ניט שלאגן אזוי שטארק די סטרייקערס. זיי וועלן עפשער פארשטיין, אז מיר האבן ניט קיין ברויט און שיך.

מיידעלע: — און טאמער וועלן אונדז די פאליציי־שלאגן און טרייבן?

אינגעלע: — איז וואס, אז מע שלאגט אונדזערע טאטעס און מא־מעס איז גוט? — מיר ווילן דאך העלפן אונדזערע עלטערן, דארפן מיר ניט מוירע האבן.

קינדער: — ריכטיק, ריכטיק, ער איז גערעכט.

מיידעלע: — אבער ווער וועט אונדז פירן?

אינגעלע: — מוירטין וועט אונדז פירן, זי פארשטייט גוט.

קינדער: — מוירטין איז אונדזער פירערין, מוירטין, מוירטין.

מוירטין: — שרייט ניט אזוי הויך, קינדער, מע קען נאך דערהערן אין דרויסן. די באסעס שיקן אונטער שפיאנען, זיי זאלן הערן, וואס די סטרייקערס טוען און זיי דערציילן אלע סוי־דעס, קומט די שלעכטע פאליציי און שלאגט. (זי גייט צו צום בעט און שלעפט ארויס פון אונטערן קישן שילדן „סטרייק”) טוט זיך אן די שילדן און שטעלט זיך אויס צו צוויי אין אריי, און גייענדיק וועלן מיר זינגען די לידער פון דער יוניאן.

מיידעלע: — איך קען ניט די ווערטער.

אינגעלע: — איך וועל זיי זאגן, הערט: מיר וועלן האבן א יוניאן איבערן גאנצן דאָרעם. וואו מיר וועלן קענען טראָגן קליי־דער און לעבן אין א בעסערער וואוינונג. מיר מוזן איצט זיין אלע צוזאמען און ענטפערן דעם באָס, אז מיר וועלן קיינ־מאָל, קיינמאָל ניט לאָזן אויסקומען אונדזערע פירער.

מוירטין: — און מיר וועלן אויך זינגען „סאָלידאַריטי".

אינגעלע: — איך האב נאך א פלאן. מיר דארפן זיך אפרעדן ווי אזוי צו ענטפערן דער פאליציי אויב מע וועט אונדז באַ־פאלן. זאלן מיר אויסקלייבן עטלעכע קינדער מיט שטעקענס אין די הענט און זיי זאלן זיין די פאליציי־לייט.

קינדער: — וועט מאקע זיין א ריכטיקע פיקעט־ליניע. (די קינדער שטעלן זיך אויס. די פאליציי־לייט — אין די זייטן מיט שטעקענעס אין די הענט און אראפגערוקטע היטלען. מוירטין גיט א צייכן און די קינדער מארשירן ארום.)

סאָלידאַריטעט אף אייביק,
סאָלידאַריטעט אף אייביק,
סאָלידאַריטעט אף אייביק,
ווייל די יוניאן מאכט אונדז שטארק.

(עס עפנט זיך די טיר, מע טראגט אריין די

מאמען, מע לייגט זי אוועק אפן דיל)

ארבעטער: — קינדער, אייער מאמע, עלא מעי וויגינס, איז געוועזן א גרויסע קעמפערין פארן ארבעטער קלאס און דערפאר האבן די באָסעס ניט געוואלט, אז זי זאל לעבן און קעמפן. זיי האבן אנגעשיקט פאליציי־לייט און געשאסן אף אונדז. איין קויל האט געטראפן אייער מאמען און זי איז געפאלן. מיר שווערן אבער, אז מיר וועלן נעמען נעקאמע. מיר וועלן פירן א קאמף מיט די הערשער, די מערדער. מיר וועלן גיין אין אירע וועגן און העלפן שאפן אזא וועלט, א שיינע וועלט, וואו אלע וועלן לעבן און ארבעטן גלייך.

מוירטין: — (פאלט צו דער מאמעס פאנים, וויינט.) מאמע, מאַ־
מעלע, ניין, איך וועל ניט וויינען, מיין מאמע האט מיר גע־
זאגט, אז מע קען איבערן דאס לעבן נאר דורך קאמף.
קינדער, מיר וועלן מארגן ארויסגיין איבער די גאסן און מיר
וועלן פאדערן, אז מע זאל איבערבעסערן די וועלט.

ארבעטער: — קינדער, איר דארפט אונדז העלפן. (זיי נעמען
ארויף עלא מעי אף די הענט און טראגן זי אוועק אין
צווייטן צימער.)

אינגעלע: — מיר קענען ניט ווארטן, קינדער, ביז מיר וועלן אויס־
וואקסן, מיר דארפן שוין ווייזן די קאפיטאליסטן, אז מיר
זיינען א מאכט. לאמיר אויפוועקן אלע ארבעטער קינדער
און זיי צוגרייטן צום קאמף.

קינדער: — מיר גייען אלע. (שטעלן זיך אויס אין רייען. מוירטין
טראגט א מינוט און הויבט אויף א פויסט.)

מוירטין: — שטייט אויף, איר אלע....
(מיטן ארויסמארשירן רוקט זיך אראפ דער פארהאנג.)

דאס געזאנג הערט זיך נאך.)

# יאנקל פאנקל פון קינדערלאנד.

## ערשטע סצענע.

(אינדערפרי אין באנגעלא. אלע שלאפן. עס הערט זיך
דער ערשטער גלאק. אלע כאפן זיך אויף און זינגען.)

שטייט אויף, איר אלע ווי די העלדן,
ס'איז די זון שוין אויפגעגאן.
מע דארף צום אויפפאסער זיך מעלדן,
צי ס'איז נאך אין באנגעלא פאראן.

די בעטלעך דארף מען באלד פארבעטן,
יעדער דארף זיין ארבעט טאן.
זע זשע, כאווער, נים פארשפעטיק,
א נים פאלסטו ארויס פון קאן.

דאס וועט זיין אונדזער לעצטער
אנטשיידענדער געבאט,
אין אונדזער קינדערלאנד
אף יעדער שריט און טראט.

(יאנקל פאנקל רירט זיך נים. דער אויפפאסער קומט
ארײַן מיט האנטעך און זייף.)

**אלע:** — גוט מארגן, כאווער אויפפאסער.

**אויפפאסער:** — גוט מארגן, קינדער, אלע גייען זיך וואשן די הענט, די ציין און פאנים. (אלע קינדער גייען ארויס מיט האנטעכער, זייף, ציין צערשטלעך. דער אויפפאסער גייט צו צו יאנקל פאנקלס בעט).

**אויפפאסער:** — וואס איז דאס, יאנקל, דו שלאפסט נאך?

**יאנקל:** — (כראפעט)

**אויפפאסער:** — (טארעט אים) יאנקל, שטיי אויף, דער גלאק האט שוין געקלונגען.

**יאנקל:** — (כאפט זיך אויף) זאל לעבן כאווער לענין!

**אויפפאסער:** — וואס האט זיך דיר געכאלעמט?

יאנקל: — אוי, אזא שיינער כאלעם, לאזט מיך שלאָפן נאָך אבי־
סעלע וועל איך זען די ענדע פון כאלעם.

אויפפאסער: — אבער דער גלאק האט דאך שוין געקלונגען, אלע
דארפן אויפשטיין. (ער נעמט זיך אים אנטאן דאס העמדל).

יאנקל: — (כראפעט. די קינדער קומען אריין ארומגעוואשענע.
האלטן נאך די האנטעכער, זייף. שטעלן זיך ארום זיין בעט)

קינדער: — (זינגען מיט'ן מאָטיוו „יאסל, יאסל") יאנקל, יאנקל,
יאנקל, יאנקל, אוי, יאנקל, יאנקל שטיי שוין אויף!

אויפפאסער: — ער שלאפט!

יאנקל: — (כראפעט).

איינער: — איך האב א פארשלאג.

קינדער: — וואס, לאמיר הערן?

איינער: — דריי אינגלעך זאלן זיך שטעלן אין דער לינקער זייט,
און דריי אינגלעך זאלן זיך שטעלן אין דער רעכטער זייט
און מע זאל אים קיצלען אין די פיס.

אלע: — האידע (זיי שטעלן זיך קיצלען).
שטיי אויף, דערוואך,
שוין אריבער די נאכט,
ס'האט געקלונגען דער גלאק
אף ליכטיקן טאג.

אלע: — ער שלאפט! (דער צווייטער גלאק קלינגט) עסן, עסן,
עסן.

איינער: — שלעפט מיט זיך מיט יאנקלס קאלדרע. (אלע לויפן
ארויס).

יאנקל: — (זעצט זיך אוועק אין פידזשאמעס) מע לאזט נים שלאפן
אין קינדערלאנד!

(פארהאנג)

**צווייטע סצענע.**

(אין עס צימער. קינדער זיצן בא טישן מיט
זייערע אויפפאסער.)

אלע: — גוט מארגן, קינדערלאנד. (פון הינטער די קוליסן — אנ־
דערע טישן: גוט מארגן, כאווײרים — מע עסט.)

יאנקל: — (קומט אן מיט איין שוך און איין באָרוויסן פוס. איין אָרבל אַריינגעשטעקט — דער צווייטער — הענגט אַרויס. צעבראָכטעם, דאָס היטל אין אַ זייט, שמוציק.)

אַלע: — יאנקל גייט.

איינער: — לאָמיר אים מעקאַבל פּאָנים זיין.

אַלע: — לאָמיר אַלע אינאיינעם, אינאיינעם יאנקלען מעקאַבל פּאָנים זיין.

יאנקל: — (זעצט זיך אַריין צווישן צוויי אינגלעך, שטורכעט זיי מיט די עלנבויגנס) איך וויל עסן, וואו איז מיין עסן?

אויפּפּאַסער: — יאנקל, האָסט זיך געוואַשן?

יאנקל: — יאָ, איך וויל עסן.

אויפּפּאַסער: — (גייט צו צו יאנקלען) אַ נו, ווייז נאָר דיינע הענט, אוי, שוואַרץ, ווי באַ אַ ציגיינער, גיי שנעל וואַש זיך.

יאנקל: — (ציט זיך אַרויס און לאָזט זיך גיין)

איינער: — ער גייט אין איין שוך.

צווייטער: — אַן אָרבל הענגט זיך אים נאָך, ווי באַ אַ פאַרוואָרלאָזטן סאָלדאַט.

דריטער: — זע ווי ער איז צעבראָכטעם.

פערטער: — דאָס היטל אין אַ זייט.

פינפטער: — אוי, ווי שמוציק.

יאנקל: — (אַנטלויפט און שרייט) עסן!

אַלע: — עסן, עסן.

אויפּפּאַסער: — יאנקל איז אַ פוילער, איז אים ניט גוט, אָבער אונז איז פריילעך.

אַלע: — ווען די קינדער עסן,
איז זיי זייער פריילעך,
איז זיי זייער פריילעך,
ווען די קינדער עסן,
איז זיי זייער פריילעך.

יאנקל: — (קומט צוריק) איצט בין איך ריין און שיין.

אויפּפּאַסער: — דערפאַר קומט אים אַ באַגריסונג.

אלע: — איינס, צוויי, דריי, פיר,
ווער, ווער, ווער האט ליב מיר,
יאנקלען, יאנקלען.
פינף, זעקס, זיבן, אכט,
וואס איך טראכט
טאג און נאכט
פאנקל, פאנקל.

יאנקל: — אלץ איז גוט (נעמט זיך עסן)
אלץ איז גוט
נאר דאס ביסעלע עסן.

אלע: — אלץ איז גוט
אלץ איז גוט
נאר דאס ביסעלע עסן.

יאנקל: — (צו איינעם) גיב מיר די פוטער, גיב מיר די מילך (ער כאפט די מילך ארויס פון א צווייטנס האנט. דער קריג קערט זיך איבער און צעגיסט זיך איבערן טיש)

אלע: — געוואלד, א געמילך, א געמילך, דערטרינקעניש.

אויפפאסער: — אוועק פון טיש, יאנקל, דו קענסט ניט עסן ווי א מענטש.

יאנקל: — (קראצט זיך אין קאפ) אז עס איז פול, האט מען ניט אין מויל, און אז עס כאפט, שלאגט מען איבער די הענט. (גייט אוועק).

אויפפאסער: — איצט, קינדער, גייען מיר אין באנגעלא מאכן די בעטן, אויסקערן און דערנאך גייען מיר ארבעטן.

אלע: — (הייבן זיך אויף פון טיש)
ווען די קינדער ארבעטן
איז זיי זייער פריילעך,
איז זיי זייער פריילעך,
ווען די קינדער ארבעטן
איז זיי זייער פריילעך.

(פארהאנג)

## דריטע סצענע.

(אין זיים — טייך. צווייטע זייט — באנגעלער,
א „רעזשורגע" גייט ארום מיט א „סוירטש לייט")

ביימער טאנצן: —

אין נעכט פון זומער,
ווינטלעך קומען,

אין קינדערלאנד.

קינדער קליינע,
לידלעך שיינע,

אין קינדערלאנד.

איין בוים: — פאראן שלעכטע קינדער, וואס רייסן אונדזערע צווייגן, עס טוט אזוי וויי.

צווייטער בוים: — די שלעכטע זיינען די גאסן קינדער, פאראן גוטע קינדער א סאך.

דריטער בוים: — די וואס לערנען אין די ארבעטער קינדער שולן.

פערטער בוים: — און די וואס זיינען פיאנערן.

פינפטער בוים: — ס'איז אזא שיינע נאכט, ביימער, לאמיר טאנצן.

ביימער: — אין נעכט פון זומער,
ווינטלעך קומען . . .

דעזשורנע: — (גייט ארום מיט דער „סוירטש לייט")
(די נאכט איז שיין אין קינדערלאנד. ס'איז שטיל.
די קינדער שלאפן. ביימער זינגען און טאנצן.)

פיש: — (שווימען פון אויבן און טאנצן)
באנאכט קאנען אונז נים כאפן,
באנאכט וועט מען אונז נים טאפן.
שווימען מיר אפן טייך,
אפן טייך.

איין פיש: — פאראן שלעכטע אינגלעך אין קינדערלאנד, זיי כאפן אונדז בא די קעפלעך.

צווייטער פיש: — עס טוט אזוי וויי.

דריטער פיש: — בלוט רינט.
פערטער פיש: — אזעלכע שלעכטע אינגלעך.
פינפטער פיש: — נים אלע זיינען שלעכטע.
זעקסטער פיש: — די קינדער וואס לערנען זיך אין אן ארבעטער קינדער שול זיינען גוטע.

זיבעטער פיש: — און די פיאנערן זיינען זייער גוטע קינדער.

אכטער פיש: — אבער באנאכט קען אונז קיינער נים כאפן.

אלע פיש: — (טאנצן) באנאכט קאנען אונז נים כאפן . . . .

אויפפאסער: — (קומט אן) יאנקל, יאנקל.

דעזשורנע: — שריים נים אזוי הויך -- קינדער שלאפן.

אויפפאסער: — יאנקל, פאנקל איז נישטא (פון אלע זייטן קומען קאנסעלארס און דירעקטארס מיט „סוירטש לייטס" און פרעגן: נישטא, נישטא?
(יאנקל פאנקל זיצט באם טייך און כאפט פיש)

יאנקל: — (זינגט)
בין איך מיר א טרעמפ,
בין איך מיר א טרעמפ,
אין קינדערלאנד קעמפ,
אין קינדערלאנד קעמפ,
טרייבט מען מיך פון טיש,
כאפ איך מיר א פיש.

אויפפאסער: — (הערט זיך צו) דאכט זיך יאנקלס שטימע, יאנקל, וואו ביסטו?

אלע: — (דערזען) הא, אט איז ער.

אויפפאסער: — וואס טוסטו דא, יאנקל?

יאנקל: — איך כאפ פיש.

איינער: — די פיש שלאפן דאך נאך.

יאנקל: — איך וועל זיי אויפוועקן.

אויפפאסער: — באנאכט כאפט מען פיש?

יאיאנקל: — באטאג לאזט מען דאך נים.

דירעקטאר: — פארוואס לאזט מען נים כאפן קיין פיש, יאנקל?

יאנקל: — איך וויים, ווייל אלע פיר הונדערט קינדער פון קינדער־לאנד וועלן כאפן פיש וועט גארנים בלייבן.

צווייטער: — ניין, נים דערפאר, נאר קליינע אינגלעך קענען נים כאפן קיין פיש, זיי קענען נאך דערטרינקען ווערן.

דירעקטאר: — הער זיך איין, אויב דו ווילסט זיין אין קעמפ, מוזטו דורכפירן די געזעצן פון קינדערלאנד.

יאנקל: — (קראצט זיך אין קאפ) אזוי שלעכט.

דירעקטאר: — נו, וואס זאגסטו?

יאנקל: — א ברייטע האב איך?

אלע: — יאנקל גייט אין באנבעלא,

אזוי דארף זיין,

ווייל דער זייגער איז שוין ניין,

צייט פאר אייך אין בעט אריין.

אין קינדערלאנד אליין,

אין קינדערלאנד אליין.

(פארהאנג)

## דער וויינענדיקער קעמפּער.

קאַנסולער: — (גייט אַרום פון בעטל צו בעטל, די קינדער שלאָפן) שלאָפט, פּאַפּט, כראָפּעט, שלאָפט, פּאַפּט, כראַפּעט. ענדלעך שלאָפן זיי שוין. כאָטש קענען אביסל אָפּטרעטן פון זיי. (גייט ארויס)

שלוימע: — (כאַפּט זיך אויף מיט א געוויין) איך וויל אהיים, איך וויל אהיים.

ערשטער: — (רייבט זיך די אויגן — זינגענדיק: כעוורע גייט אין באָנגעלאַ . . . ) שלוימע, פאַרוואָס וויינסטו?

שלוימע: — איך וויל אהיים. (וויינט)

ערשטער: — פאַרוואָס ווילסטו אהיים?

שלוימע: — מע גיט ניט גענוג לאַלאַפּאַפּס.

צווייטער: — (כאַפּט זיך אויף: זינגענדיק — שטאָלענע רייער כאַוויירים) שלוימע, דו וויינסט?

שלוימע: — איך וויל אהיים (וויינט)

צווייטער: — פאַרוואָס, דו קריגסט ניט גענוג מילך?

שלוימע: — יא, מע גיט אזוי פיל מילך, אז מע קען זיך אוש באָדן אין מילך.

דריטער: — (כאַפּט זיך אויף — דאָס וועט זיין שוין דער לעצ־טער . . . ) שלוימע, פאַרוואָס וויינסטו?

שלוימע: — איך וויל אהיים.

דריטער: — קריגסט ניט גענוג פּוטער?

שלוימע: — יע, מע קריגט אזוי פיל פּוטער, אז מע קען זיך שלים־לען אף פּוטער.

פערטער: — (א הוליא — ליא, הוליא — ליא) וואָס איז דאָס שלוי־מע, דו וויינסט נאָר?

שלוימע: — איך וויל אהיים, איך וויל אהיים.
פערטער: — קריגסט עפּשער ניט גענוג פליייש?
שלוימע: — יע, מע גיט יעדן טאָג עפּשער א פערטל אָקס.
פינפטער: — (דער טאָג איז פאַר אַרבעט) זע נאָר, שלוימע וויינט נאָר.

שלוימע: — איך וויל אהיים.

פינפטער: — קענסט זיך נים געווינען שיפן און שווימען?

שלוימע: — יא, איך וויל אָבער אהיים, איך בענק נאך מיין מאמען.

ערשטער: — ס'איז דיר אומעטיק אין קינדערלאנד?

שלוימע: — יא, ס'איז מיר אומעטיק.

צווייטער: — נו, לאמיר אים מאכן פריילעך.

דריטער: — איך האב א פלאן.

אלע: — וואס, לאמיר הערן.

דריטער: — לאָמיר אים גיבן א גרויסן אמט, ווען אים נים זיין אומעטיק.

פערטער: — מיר וועלן אים מאכן פאר פארזיצער.

פינפטער: — סעקרעטאר.

ערשטער: — לאנדרימאן.

צווייטער: — סאניטאר.

דריטער: — ארבעטסמאן.

פערטער: — ספארט דירעקטאר.

שלוימע: — וואס טויג מיר אן אמט, אז אן דעם קאנסולער קען איך גאָר נים טאָן. (וויינט) איך וויל אהיים.

ערשטער: — שא, איך האב א נייעם פלאן.

אלע: — וואָס, לאָמיר הערן.

ערשטער: — לאָמיר אים מאכן פאר קאָנסולער.

צווייטער: — מיר קענען אים נים מאכן פאר קיין קאנסולער.

דריטער: — מיר זיינען נים קיין דירעקטארס.

שלוימע: — איך וויל נים זיין קיין קאנסולער, איך וואלט אויס־געהארגעט אלע קינדער אין איין טאג.

אלע: — פארוואס?

שלוימע: — ווייל די קינדער צערייסן דעם קאנסולער אף שטיקער ווען איינער וויל זיך שיפן.

צווייטער: — ווייל דער צווייטער שווימען.

דרימער: — א דרימער קענדי, (אלע באלעקן זיך)

פערטער: — א פערטער וויל אייז קרים

פינפטער: — און א פינפטער וויל שפילן אין באל (ווארפט א קי־שעלע, עס ברעקנט אויס א „פילא־פיים”)

שלוימע: — סטאפ, איך וויל אהיים.

צווייטער: — שא, ווייסט איר וואס, איך האב א נייעם פלאן.

אלע: — וואס, לאמיר הערן.

צווייטער: — זאל יעדער איינער זינגען א לידעלע ווען ער ווערן פריילעך.

אלע: — גוט, גוט.

איינער: — מיט׳ן זעגעלע,

אלע: — זעג, זעג, זעג,

צווייטער: — מיט׳ן העמערל,

אלע: — קלאפ, קלאפ, קלאפ,

דריטער: — מיט׳ן הובעלע,

אלע: — הוב, הוב, הוב,
מאכן קינדערלעך זיך א שטוב.
פאטשן הענטעלעך פאטש, פאטש, פאטש,
טופן פיסעלעך טופ, טופ, טופ,
פאטשן הענטעלעך טופן פיס,
ארבעט מאכט דאס לעבן זיס.

(מאכן א רעדל, זינגען פריילעך, פאטשן מיט די הענט און איינער טאנצט אין דער מיט).

קינדער הייבט מארשירן און
שטאלצע אין די רייען

טרא לא לא לא.

העכער הייבט די רויטע פאן
זאל זי פרייער ווייען

טרא לא לא לא.

קינדער הייבט צו זינגען אן
אונזערע שיינע לידער

קאַנסעלער: — (לויפט אריין נים טויט, נים לעבעדיק) וואָס איז

דאָ קינדער?

אלע: — שלוימע וויינט, ער וויל אהיים, האָבן מיר אים געמאכט

פריילעך.

שלוימע: — איך האב אייך אלע אפגענארט, איך האב געמאכט א

שפאס.

(אלע לייגן זיך אין די בעטן)

קאַנסעלער: — (גיים ארום פון בעטל צו בעטל) שלאפט, פאפט,

כראַפעט.

(פארהאנג).

# דאָס ערשטע נעגערל.

(דראמאטיזירט פון ל. מילער)

(א גרויסער קלוב צימער. די עקזעקוטיווע פון פיאָנערן קלוב האלט אָפּ א מיטינג. וואנט צייטונג, בילדער פון באריהמטע פירער. א פיאנאָ. אנדערע זאכן. קומט פאָר אין א שטאָט פון זיט וועסטערין. באם פענצטער שטייען איציקל און מיריעם און קוקן ארויס אין דרויסן. בא דער פיאנא זיצט ארן און לערנט זיך שפילן דעם אינטערנאציאנאל מיט איין פינגער. באם טיש זיצט אוירווינג און שרייבט אריין דעם פראטאקאל פון לעצטער וואך אין א ביכל אריין. ער מאכט גרימאסן באם שרייבן. מע מערקט וואו עס קומט אים אן שווער צו שרייבן, לעבן אים זיצט פעני און קוקט ווי ער שרייבט)

פעני: — שרייב גיכער, דער מיטינג וועט זיך באלד אנהייבן.

אוירווינג: — ווי אזוי מאכט דאס ווארט? קענסט עס איבער־לייענען?

פעני: — דו האסט דאָך עס אליין פארשריבן.

אוירווינג: — לעצטע וואָך באם מיטינג, כ'האב געשריבן שנעל, איצט געדענק איך נישט ווי אזוי דאס מאכט.

פעני: — (פרובט לייענען) צוויי, צע, ציין, צען, צען, צענדליק, צוויי צענדליק.

אוירווינג: — (וויל א כאפ טאן דאס פאפירל) אָ איך געדענק שוין צוויי צענדליק איטאליענישע קינדער.

פעני: — יא, מאקע, אי־טא־ליע־ני־שע קינדער.

אוירווינג: — איך ווייס, איך געדענק שוין . . . און פוילישע און נעגערישע (ער שרייבט ווייטער. פעני קוקט צו אויפמערק־זאם)

איציק: — (באם פענצטער צו מיריעמען) איך האב איבערגעציילט פערצן קוימענס.

מיריעם: — און איך זעכצן.

איציק: — זעסט יענעם קוימען, אָן דארט! אויף יענער פאבריק? ער זעט אויס ווי א לאנגע נאָז, ער גרייכט עפשער ביז צום הימל.

מיריעם: — מאקע, אלע קוימענעס זעען אוים ווי לאנגע נעז.

איציק: — וואס באדארף מען אזוי פיל קוימענעס?

מיריעם: — קעדעי זיי זאלן פייפן. גאנץ פרי פייפן זיי און וועקן אויף די ארבעטער זיי זאלן גיין ארבעטן.

איציק: — מיין מאמע האט א וועק זייגער, וועקט ער אים אויף. ס'איז נאך פיינסטער ווען דער וועק־זייגער קלינגט.

מיריעם: — מיין מאמע אויך. מיין מאמע גייט אויך ארבעטן, מיין מאמע פארדינט נים גענוג.

איציק: — מיין מאמע איז געגאנגען ארבעטן איז זי קראנק גע־ווארן, זי האט געוועבט זייד.

מיריעם: — אלע דא אין שטאט וועבן זייד.

איציק: — די רייכע וועבן נישט.

מיריעם: — די רייכע וואוינען דא נישט, זיי וואוינען ארוים דער שטאט.

איציק: — איך האב געהערט ווי מיין מאמע האט געזאגט: די ארבעטער וועבן דאס זייד און אליין טראגן זיי פראסטע שמאטעס.

מיריעם: — די רייכע קויפן דאס זייד.

איציק: — בא די רייכע זיינען אפילו די ווענט אויסגעקלעפט מיט זייד.

מיריעם: — און בא אונדז רינט פון די ווענט.

איציק: — דער דאקטאר האט געזאגט דער מאמען אז זי טאר נים ארבעטן און זי טאר נים וואוינען אין אזעלכע פינסטערע צימערן (זיי רעדן ווייטער שטיל. עס קומט אריין סיידי. זי שטעלט זיך אוועק אונטער ארענען בא דער פיאנא)

סיידי: — מיט איין פינגער שפילסטו? וועסט קריגן א מאזאליע אפן שפיץ פינגער.

ארן: — איך וויל זיך אויסלערנען.

סיידי: — מיט איין פינגער.

ארן: — אלעמאי מיין לערער קלאפט ברויז אפן שרייב מאשין מיט איין פינגער?

סיידי: — איר דארפט ביידע אריין אין אונזער נייעם פיאנערן ארקעסטער, וועסטו שפילן אף דער פיאנא און ער אויף דער שרייב מאשין. (אלע צעלאכן זיך) (צו אוירווינגען) איצט ערשט שרייבסטו דעם פראטאקאל?

אוירווינג: — א גאנצע וואך האב איך נאך געפיקעט די פאבריק וואו מיין מאמע סטרייקט —

סיידי: — „קאפס" זיינען געווען?

פעני: — איינער האט זיך געיאגט נאך אוירווינגען, האט ער זיך אויסגעצויגן אפן טראטואר . . .

סיידי: — (צו פענין) דו ביסט דארט אויך געווען?

פעני: — איך בין געגאנגען העלפן אוירווינגען פיקעטן (עס קומען אריין נאך פיאנערן. עס ווערט לעבעדיקער אין קלוב. ארן שפילט נאך אלץ דעם אינטערנאציאנאל מיט איין פינגער. ער מאכט טעותן, כאפט זיך צוריק, גייט איבער נאכאמאל די זעלבע נאטן א. א. וו.)

אוירווינג: — (ענדיקט שרייבן, גלייכט זיך אויס ווי נאך א שווערער ארבעט) נו, איצט קען מען שוין עפענען די פארזאמלונג. קומט צום טיש (אלע גייען צום טיש. א לעבעדיקע באוועגונג)

ארן: — איציק איז נאך קיינמאל נים געווען קיין פארזיצער פון אונדזער עקזעקוטיוו.

אלע: — איציק פארזיצער.

אוירווינג: — קיינער נים קעגן?

אלע: — (אלע זעצן זיך אוים. איציק פארנעמט דעם פלאץ פון פארזיצער. לעבן אים אוירווינג)

איציק: — וואס איז די טאג ארדנונג?

אוירווינג: — היינט איז א ספעציעלער מיטינג אריינצוציען נעגערישע קינדער אין אונדזער קלוב — דאס איז דער איינציקער פונקט אף דער טאג ארדנונג.

איציק: — גוט, ווער וויל א ווארט?

אוירווינג: — ווארט, פריער עפן דעם מיטינג.
איציק: — דער מיטינג איז שוין אפן.

ארן: — דארפסט עפענען דעם מיטינג אין נאמען פון פיאנערן קלוב.

איציק: — אין נאמען פון דער עקזעקוטיוו פון ליבקנעכט פיאנערן קלוב דערקלער איך דעם מיטינג פאר אפן. ווער וויל א ווארט?

אוירווינג: — ווארט, איך דארף פריער לייענען דעם פראטאקאל.

סיידי: — בא קיין ספעציעלן מיטינג לייענט מען ניט קיין פראטאקאל.

אוירווינג: — מע לייענט יא.

איציק: — איך האב געהערט ווי מיין טאטע האט געזאגט, אז מע לייענט ניט.

אוירווינג: — דער פארזיצער האט ניט קיין רעכט צו רעדן.

אלע: — דער פארזיצער דארף אנדערע גיבן דאס ווארט.

איציק: — (שמעלט זיך אויף) וויל איך ניט זיין קיין פארזיצער.

אלע: — פארפאלן, האסט אנגענומען.

איציק: — (קראצט זיך אין קעפל און זעצט זיך צוריק) ווער וויל א ווארט?

אוירווינג: — איך, איך האב אנגעשריבן דעם פראטאקאל דארף מען אים לייענען

אלע: — ניין, מע דארף ניט לייענען.

פעני: — א פארשלאג צום שטימען.

איציק: — גוט. ווער איז דערפאר מען זאל נישט לייענען דעם פראטאקאל (אלע הייבן די הענט א חוץ אוירווינגען) מיר זיינען ביידע דורכגעפאלן, דיך לאזט מען נישט לייענען דעם פראטאקאל און מיך לאזט מען ניט רעדן.

סיידי: — (צו איציקן) דו רעדסט שוין צופיל, גיב מיר א ווארט אין דער פראגע פון נעגער קינדער.

איציק: — גוט רעד.

סיידי: —(שטעלט זיך אויף, רעדט ערנסט) באוויירט פיאנערן, מיר האבן אין אונדזער ארגאניזאציע שוין העכער א האלבן הונדערט אידישע ארבעטער קינדער, מיר פארמאגן שוין צוויי צענדליק איטאליענישע און פוילישע קינדער, ס'איז נים גענוג, מיר וועלן ווייטער אנגיין מיט אתדזער ארבעט, אבער נעגערישע קינדער קומען נים צו אונדז. מיר זיינען נים קיין ריכטיקע פיאנערן, אויב מיר ארגאניזירן נים די נעגערישע קינדער.

אווירוווינג: — בא א ספעציעלן מיטינג דארף מען שרייבן א פרא־מאקאל?

פעני: — א סעקרעטאר דארף שטענדיק שרייבן פראטאקאלן.

אווירוווינג: — אז מע לייענט סאי ווי נים.

איציק: — שרייבן דעם פראטאקאל דארפסטו.

אווירוווינג: — דער פארזיצער האט נים קיין ווארט.

איציק: — (קראצט זיך אין קאפ) ווער וויל א ווארט?

מיריעם: — איך מאך א פארשלאג, אז יעדער זאל אפגיבן א באריכט וואס ער האט אויפגעטאן ארייננצוקריגן נעגער קינדער אין אונדזער קלוב.

איציק: — גוט, פעני, וואס האסטו אויפגעטאן?

פעני: — איך האב גערעדט מיט דזשאני'ן דעם שוך־פוצער, און האב אים געוואלט אויפקלערן, האט ער זיך געכאפט שלאגן. ער רויכערט שוין און שפילט אין קארטן און קרעפס.

ארן: — אזא קליינער וועזוריק.

איציק: — דו, ארן?

ארן: — איך האב געפרובט רעדן מיט עטלעכע קינדער, גלויבן זיי מיר נים, אז איך מיין אף אן עמעס, זיי מיינען אז איך מאך „פאן" פון זיי.

אלע: — מאקע, מאקע.

איציק: — מע דארף זיי איבערצייגן.

עטלעכע: — ווי אזוי קען מען זיי איבערצייגן, אז זיי גלויבן נים.

איציק: — ברענג זיי צו אן עקזעקוטיוו מיטינג.

אלע: — (צעלאכן זיך) הערסט, זיי ווילן דאך נים גיין, זיי גלויבן נים.

מיריעם: — פארוואס איז הערשל נישטא צו דעם עקזעקוטיוו מיטינג. ער האט זיך אויך אונטערגעטומען אריינצוברענגען נעגערישע קינדער. ער פארנאכלעסיקט.

סידי: — מע דארף אים אויסשליסן פון דער עקזעקוטיוו.

מיריעם: — א פיאנער טאר נים פארנאכלעסיקן.

אלע: — אויסשליסן.

איציק: — עפשער איז ער קראנק.

אירווינג: — איך האב אים געזען נעזען אין סקול, ער איז נים קראנק.

איציק: — א שאד וואס ער איז נים קראנק, מע וועט אים מוזן אויסשליסן.

אלע: — (לאכן) אויסשליסן. (בא די רייד דערשיינט הערשל אף דער טיר פירנדיק באם הענטל א נעגער אינגעלע מיט פאר-זיכט און ליבע. יעדער קוקט צעשראקן און אן צומרוי, גיי-ענדיק נאך הערשלען אומזיכער. אלע שיסן אויס אין א פריי-לעכן הורא. דאס נעגערל דערשרעקט זיך און טוט זיך א רוק צוריק ווי צו אנטלויפן. הערשל רעדט צו אים מיט ליבע און נעמט אים איין צו בלייבן. אלע בלייבן שטיל. קוקן צופרי-דן אף הערשלען מיט'ן נעגערל)

הערשל: — כאווירים, כאווער וויליאם איז א קינד פון אן ארבע-טער און אליין אן ארבעטער. זיין מאמע וואשט אטאמאבילן אף וועלכע די רייכע פארן ארום. און שאבעס און זונטיק, ווען די באסעס פארן אף זייערע מאשינען שפאצירן, שטייט וויליאם אין גאראזש און העלפט זיין טאטן אין דער אר-בעט. עסעס, וויליאם?

וויליאם: — (שאקלט מיטן קאפ פארשעמט) יא.

הערשל: — און דערפאר פארשטייט וויליאם, אז אלע רייכע זיינען שלעכט. נישטא קיין אונטערשייד פון א ווייסן און א שווארצן ארבעטער. עס זיינען דא צוויי קלאסן אף דער גאנצער וועלט. ארבעטער פון אלע נאציעס און אלע ראסן, וואס מוזן אלעס און האבן א קרענק און רייכע קויפן זייד און פאטעס און האבן אלץ. (אלע קינדער פאטשן בראווא און שרייען הורא)

מיריעם: — (שפרינגט ארויף אף א בענקל) איך מאך א פארשלאג אז אלע זאלן גיבן צו פינף סענט און מיר זאלן מאכן אן אייז־קרים פארטי לעקאוועד אונזער נייעם כאווער וויליאם (ווידער ברוואָ און הורא פון אלע קינדער. אלע גיבן צו פינף סענט. איינער לויפט קויפן. די איבעריקע רעדן מיט וויל־יאמען, ווייזען אים ארום די בילדער, די וואנט צייטונג.)

ארן: — לאמיר דערווייל אויסלערנען כאווער וויליאמען זינגען דעם אינטערנאציאָנאל.

סיידי: — (צו ארענען) און דו ווייסט שפילן אף דער פיאנא מיט איין פינגער.

ארן: — (דערפריידט) יאָ.

פעני: — יעדער איינער זאל אים לערנען א פערז.

אלע: — (אלע צוזאמען) יאָ, יאָ איך וויל זיין דער ערשטער . . . איך וויל זיין דער ערשטער.

איציק: — איך בין נאָך פאָרזיצער, איך וועל זיין דער ערשטער.

אלע: — דער פאָרזיצער קומט דער לעצטער.

איציק: — (קראצט זיך ווידער אין קאפ) גוט, זא לפעני זיין די ערשטע.

אלע: — גוט . . .

(ארן גייט צו צו דער פיאנא, שטעלט זיך אוועק מיט גרויס ווירדיקייט. די קינדער שטעלן זיך ארום וויליאמען. פעני לעבן וויליאמען. ארן הויבט אָן מיטן פינגער אף דער פיאנאָ דעם אינטערנאציאָנאל. פעני זינגט דעם ערשטן פערז. דערווייל לויפט אריין דער באכער מיט'ן אייז־קרים, דערזעט וואס עס גייט אָן, גייט ער צו מיט'ן פעקל אייז־קרים אף די שפיץ פינגער צו דער גרופע פיאָנערן, בלייבט שטיין שטיל, מורמלט צוזאמען אונטער דעם אינטערנאציאנאל.)

(פאָרהאנג.)

# כאווער לענין האָט געזאָגט!

(דראמאטיזירט פון ל. מילער)

(גרויסער צימער. פּיאָנערן קלוב. שיין דעקארירט. טערט און אמער. וואנט-צייטונג. בילדער פון באריםטע קעמפּער. לע־נינ׳ס א גרויס בילד אינמיטן. ס׳איז דער ערשטער מאי יאָנ־טעוו. גאנץ פרי. אין זאל זיינען דערווייל דאָ לילי און איר ברו־דערל מענדל. לילי איז באשעפטיקט ביי דער וואנט-צייטונג. מענדל העלפט איר, אויסשניידנדיק בילדער פון זשורנאלן. מענדל איז זייער ריידעוודיק. לילי ענטפערט נישט גערן).

מענדל: — (גיט איר אן אויסגעשניטן בילד. לייענט דעם אונטער־שריפט) „לענין, ווען ער איז אלט געווען אכט יאר" (פאר־טראכט זיך א רגע): לילי, זע, כאווער לענין, ווען ער איז אלט געווען אכט יאר.

לילי: — (פארנומען ביי דער ארבעט) איך האב געזען.

מענדל: — ניין, זע (פלוצים דערפרייט) אלבעטשע, אז ער איז שוין דאן געווען א פּיאָנער.

לילי: — (קרימט אים איבער) אלבעטשע.

מענדל: — נא, לילי, נא פאן, אי־יאָ ער איז געווען?

לילי: — יאָ.

מענדל: — טאקע אָף אן עמעס?

לילי: — יא, יא, יאָ.

מענדל: — (מאנצט פאר פרייד) ווען איר מיך אריינגעמען אין דער פּיאָנערן־ארגאניזאציע?

לילי: — ביסט נאך נישט אלט קיין ניין יאר.

מענדל: — (טריאומפירענדיק ווייזט אָפּ׳ן בילדל פון לענין) אלע־מאי כאווער לענין . . . ער איז נאר אלט געווען אכט יאר . . . און דו האסט אליין געזאגט . . .

לילי: — (געכאפּט אין פאר׳לעגענהייט) וואס האב איך געזאגט? באדער נישט!

מענדל: — ניין, האסט אליין געזאָגט, אז כאווער לענין איז אלט געווען אכט יאר ווען ער איז געווען א פּיאָנער. און איך בין שוין דאָס ניינטע יאר. געכטן בין איך געווארן אכט יאר און היינט גיי איך שוין אפ׳ן ניינטן יאר . . .

לילי: — דאָס רעכנט זיך נישט . . . דארפסט אלט זיין גאנצע ניין יאָר.

מענדל: — (מיט געבעטן) אלעמאי כאווער לענין . . .

לילי: — דאָ איז אנדערש, דא איז אזא „רול" . . .

מענדל: — כאַווער לענין האָט נישט געמאַכט אַזאַ „רול".

לילי: — (ווידער אין פאַרלעגנהייט) באַדער נישט!

מענדל: — (לאָזט נישט אָפּ, ווייזט איר דאָס בילד פון לענין) נאַ, זע, אָט שטייט דאָ אַליין געדרוקט: „כאַווער לענין, ווען ער איז אַלט געווען אַכט יאָר" — איז געווען כאַווער לענין אַ פּיאָנער צי נישט?

לילי: — (נעמט אַוועק ביי אים דאָס בילד). דו גלייך זיך נישט צו כאַווער לענינ'ען . . .

(עס קומען אַריין נאָך צוויי פּיאָנערן. גריסן זיך. הערן זיך צו צו מענדל'ס טענה)

מענדל: — וואָס איז? איך העלף דיר נישט צעטיילן קיין אויפרופן? און סטעמפּס פאַרקויף איך נישט? און האָב איך נישט גע־קליבן קיין געלט פאַר די קינדער פון סטרייקער? איך קאָן שוין זיין אַ פּיאָנער . . . איך קען סאַלוטירן (שטעלט זיך פאַר די ניי־אַריינגעקומענע פּיאָנערן און סאַלוטירט) שטענ־דיק גרייט!

איינער פון די פּיאָנערן: — (צו לילי'ן) וויפיל איז אַלט דאָס יאַטל?

מענדל: — (כאַפּט אויס דעם ענטפער) אַכט יאָר מיט אַ טאָג. איך בין שוין דאָס ניינטע יאָר. אַ־יאָ, לילי.

לילי: — ער איז נעכטן געוואָרן אַכט יאָר.

מענדל: — נישט אַכט נאָר דאָס ניינטע.

דער פּיאָנער: — (צו מענדלען): גו, ברודערל, גיי אַהיים שלאָפן... וועסט קומען אין אַ יאָר אַרום . . .

מענדל: — (טוט זיך אַ ריס ברוגזש פון דעם פּיאָנער, וואָס וויל אים אָננעמען פריינטלעך ביי דער האַנט) איך וויל נישט גיין אַהיים שלאָפן!

לילי: — ער איז אַ גאַנצע נאַכט נים געשלאָפן. ער האָט מוירע גע־האַט, אַז איך וועל אַוועקגיין אין קלוב אָן אים.

מענדל: — (ליפּט צו מיט אויספּעט) נישט עמעס . . . איך קען אַליין קומען אין קלוב. איך ווייס ווי אַזוי.

לילי: — (ר יצט זיך) אָבער ביסט נישט געשלאָפן אַ גאַנצע נאַכט...

מענדל: — איך האָב נישט געוואָלט שלאָפן. איך האָב געוואָלט ס'זאָל שוין זיין מאָרגן (אַלע צעלאַכן זיך)

אַ פּיאָנער: — ס'איז דאָך נאָך נישט מאָרגן.

מענדל: — (פאַרשעמט און ברוגזש) כ'האָב געוואָלט ס'זאָל שוין זיין מאָרגן, וועל איך זיין דאָס ניינטע יאָר. (אַלע לאַכן, עס

קומען אן נאך פיאנערן. עס ווערט לעבעדיק אין קלוב.

א פיאנערקע: — מען דארף צוזאמען אין קלוב איידער מיר עפענען די פארזאמלונג.

א פיאנער: — לאמיר פריער איבערזינגען די לידער פאר דער דעמאנסטראציע. גיים דערווייל אין צווייטן צימער (די מערסטע גייען אין צווייטן צימער. דא בלייבן לילי, א פאר פיאנערן. א פיאנער קערט אויס דעם קלוב. לילי העלפט אים.)

צווייטע פיאנערקע: — (צו מענדלען, וועלכער קוקט די גאנצע צייט אנגעשטרענגט אפ'ן גרויסן לענין-בילד). וואס איז, מענדל? דערציילסט כאווער לענינ'ען, אז מע וויל דיך נישט אריינגעמען אין פיאנערן-קלוב?

מענדל: — ווען כאווער לענין וואלט געלעבט, וואלט איך געגאנגען צו אים קיין מאסקווע.

פיאנערקע: — (לייגט ארויף איר האנט אף זיין אקסל) וואלסט געגאנגען קיין מאסקווע? (צעלאכט זיך, די אנדערע לאכן אויך).

מענדל: — (דרייט זיך אוועק פון איר און אומצופרידענער, נישט אוועקנעמענדיק די אויגן פון לענינ'ס בילד) אף טאטס מיקס'ס פערדל וואלט איך געקאנט. (באגייסטערט) טאטס מיקס'ס פערדל טוט איין שפרונג איז עס אין מאסקווע.

פיאנערקע: — איבער'ן יאם קאן אפילו טאטס מיקס פערדל נישט אריבערשפרינגען.

מענדל: — (פארטראכט זיך) איך קען פליען אף לינדי'ס עראפלאן. איין פלי און איך בין אין מאסקווע ביי כאווער לענינ'ען. (אלע לאכן).

פיאנער: — וואלסט נישט געוואוסט אפילו וואס צו זאגן צו כאווער לענינ'ען.

מענדל: — אזוי? (ער טוט זיך א שטעל אין א סאלוטירענדיקער פאזע פאר לענינ'ס בילד): שטענדיק גרייט, כאווער לענין! מיר גייט שוין דאס נײַנטע יאר און זיי ווילן מיך נישט אריינגעמען אין דער פיאנערן גרופע.

פיאנערקע: — זעסט, כאווער לענין שמייכעלט.

פיאנער: — (צו מענדלען). דאס שמייכעלט ער פון דײַנע נארישע רייד.

מענדל: — אזוי? כאווער לענין שמייכעלט, ווייל ער איז א גוטער. כאווער לענין הייסט מיך אריינגעמען (ער זעצט זיך אוועק ביים טיש. זעט אויס מיד און שלעפעריק. לייגט אוועק דעם קאפ אף די הענטלעך מיט די צו לענינ'ס בילד).

לילי: — איר ווייסט פארוואס מענדל טראגט שטענדיק זיין היטל מיט׳ן דאשיק אין א זייט?

אלע: — פארוואס?

לילי: — ער זאגט, אז כאווער לענין טראגט שטענדיק זיין היטל מיט׳ן דאשיק אביסל אין א זייט.

פיאנערקע: — אוי, יא, איך האב טאקע געזען אזא בילד.

פיאנער: — (צו לילי׳ן) א וואוילער יאטל דיין מענדל (זיי באמערקן נים ווי מענדל איז איינגעשלאפן. אין צווייטן צימער זינגט מען דאס פיאנערן־ליד דא פארענדיקן זיי די ארבעט. איינער רופט אין צווייטן צימער אריין): לאמיר אנהויבן דעם מיטינג (אלע קומען אריין).

דער פיאנער: — (צו לילי׳ן) זע נאר, מענדל איז איינגעשלאפן.

לילי: — לאז אים שלאפן. ער איז א גאנצע נאכט נים געשלאפן. ער האט מוירע געהאט, א זאיך וועל אוועקגיין אן אים.

פיאנער: — לאזט אים שלאפן, וועט ער פערשפארן צו באדערן מען זאל אים אריינגעמען (אלע לאכן, פארזיצער רופט צו ארדנונג).

פארזיצער: — (טוט א קלאפ מיט׳ן האמער) אין נאמען פון — (פלוצים שפרינגט אויף מענדל מיט א שמחה, בלייבט אפ׳ן בענקל וואו ער איז געשלאפן.)

מענדל: — הורא! כאווער לענין האט געזאגט, אז איך קען שוין זיין א פיאנער! (אלע לאכן.)

פארזיצער: — (קלאפט בערויגעז מיט׳ן האמער) דו, יאטל, זאלסט זיך נים לערנען צו זאגן ליגן, אז נים וועסטו קיינמאל קיין פיאנער נישט קענען זיין . . . (ער וויל ווייטער פירן דעם מיטינג) אין נאמען פון —

מענדל: — אין נאמען פון כאווער לענין, אז איך זאג דעם עמעס... (אלע לאכן).

פארזיצער: — (בערויגעז) זעץ זיך אוועק און שלאג נים איבער די ארבעט. (פון אלע זייטן רופט מען: לאז אים ריידן, לאז אים ריידן!)

מענדל: — איך בין ערשט געווען אין מאסקווע ביי א גרויסן פאראד פון קינדער.

פארזיצער: — וואס פאר א פאראד?

מענדל: — א פאראד מיט רויטע פאנען, מיט פלאקאטן.

פיאנער: — שא, האסטו געלייענט די פלאקאטן?

מענדל: — יא.

פיאנער: — קענסט דאך נים לייענען קיין רוסיש.

מענדל: — די פלאקאטן זיינען געווען אין אלע שפראכן פון דער וועלט. און לידער האט מען אויך געזונגען.

פיאנער: — דאס האבן מיר דא געזונגען.

מענדל: — ניין, ניין דארטן ביים פאראד. כאווער לענין האט גע־פירט דעם פאראד. ער איז געפארן אף א רויט פערד . . .

פיאנער: — אז ער איז געפארן אף א פערד, ווי אזוי־זשע קומסטו צו אים?

מענדל: — כאווער לענין האט מיך דערזען און מיך ארויפגענומען צו זיך אפ'ן פערד . . .

פיאנער: — (פארכאפט) נו?

מענדל: — איך האב אים געזאגט, אז מיר גייט שוין דאס ניינטע יאר. אז איך וויל ווערן א פיאנער און אז די פיאנערן ווילן מיך נים אריינגעמען . . .

אלע: — נו?

מענדל: — האט ער געזאגט, גיי זאג זיי, אז איך האב געהייסן מען זאל דיך אריינגעמען פאר א פיאנער! (אלע אפלאדירן און לאכן).

פארזיצער: — (רופט צו דער ארדנונג) דאס איז טאקע זייער א שיינער כאלעם, נאר צי דו קענסט זיין א פיאנער איז נאך א פראגע.

מענדל: — כאווער לענין האט דאך אליין געזאגט.

לילי: — כאווער פארזיצער, לאמיר צוליב דער איצטיקער פייערונג מאכן אן אויסנאם און מענדלע'ן אין דער ארגאניזאציע אריינגעמען.

א פיאנער: — יא, יא, ער טוט גוטע ארבעט, ער קען שוין זיין א פיאנער.

פארזיצער: — מיר ווען אים אריינגעמען אין דער ארגאניזאציע אויב אלע וועלן זיין איינשטימיק.

אלע: — (אלע הויבן די הענט מיט פריילעכע אויסרופן) אריינ־געמען!

פארזיצער: — אלע!

מענדל: — (טוט זיך א דריי צום לענין בילד) א דאנק, כאווער לענין! (סאלוטירט) שטענדיק גרייט! (כעוורע כאפט אים אף די הענט מיט געשרייען).

(פארהאנג)

# דער פּיאָנער מיכל און דער פאבריקאנט

## דאָהערטי

### ערשטע סצענע:

(מיכלס אָרימע הויז. זיין מאמע, נאָך גאָר א יונגע, גאָר האָט שוין א פולן קאָפּ גרויע האָר. א סאך סניייטשען אויף דעם שטערן. זי טראָגט אלטע קליידער, גאָר זייער ריינע, געפּרעסטע. זי זיצט לעבן א טישל, וואָס איז צוגעדעקט מיט א צייטונג. אף א צווייט בענקל ליגט א פּעקל זאָקן. די אויגן-גלעזער הענ־גען אפן שפּיץ נאָז, אז מע זעט אזש ארויס א פּאר שווארצע אויגן, וואָס זיינען רויטלעך ארום און ארום. ווייזט אויס אז די מאמע שלאָפט ווייניק. זי פליט מיט די שפּיזלעך שנעל, ווי א וועב-שטול. זי פארצערעוועט מיכלס און זיין טאטנס זאקן און דערביי זינגט זי א ליד.)

עס לויפן און יאָגן שווארצע וואלקן,
עס פייפט און בלאָזט דער ווינט,
פון סיביר שיקט דיין מאמע
דיר א גרוס, מיין קינד . . .

מאמע: — (זי ווישט אפּ א טרער און ווענדעט זיך צו לענינ'ס בילד וואס הענגט אף דער וואנט.) אַ, כאַווער לענין, כאַווער לענין, דו ביסט פרי געשטארבן. דו האסט געדארפט נאך מאכן א רעוואלוציע אין אמעריקע, אין פּעטערסאָן. דיין כאַווער הערש-בער ארבעט א גאנצע נאכט. ער וועבט זיידנס פאר רייכע לייט. און מיר האבן נים קיין קלייד, קיין ברויט צו זאט.

(זי נעמט ארויס א טיכעלע און ווישט אפּ א טרער.
זי ציט ווייטער איר ליד.)

נאר דער ווינט ער ברענגט אונדז גרוסן
פון דעם קאלטן לאנד.
דארטן שטייט ער, א לאפּאטע
האלט ער אין זיין האנט . . .

מאמע: — (גיט זיך א כאפּ) אוי, שוין אזוי שפּעט און מיין מיכעלע איז נאך נישטאָ. (זי לויפט צו צום פענצטער) ער גייט שוין. ער מוז שוין זיין שטארק הונגעריק. (זי נעמט ארויס פון א שאפקעלע א שטיקל ברויט, א שטיקל הערינג, א מעסער, א גאפּל. זי שטעלט צו טיי. עפנט די טיר. שפּארט אן איר קאפּ אף איר שארף.

און ער גראבט אלץ טיפער, טיפער,
ווארפט די ערד ארויס.
פאר'ן שעקער דארטן גראבט ער
טיפע קווארים אויס . . .

(פון דרויסן הערט זיך ווי מיכל געזעגנט זיך
מיט זײַנע כאוויירים.)

כאוויירים: — מיר וועלן זײַן פונקט זיבן אזייגער. זאלסט שוין זײַן'אנגעטאָן.

מיכל: — איך בין שטענדיק גרייט. א גוטע נאכט. (פון ווייט הערט זיך דער מאטיוו פון „איינס, צוויי, דריי, פיאָנערן זײַנען פריי". מיכל קומט אריין) א גוטן־אוונט, מאמע, דו האָסט זיך שוין געזאָרגט? — ס'האָט זיך פארצויגן אביסל דער מיטינג.

מאמע: — (פארמאכט די טיר) דו ביסט גוט הונגעריק, מײַן זון. נו, זעץ זיך זיך אוועק וועסטו עסן און דערציילן נײַעס.

מיכל: — (טוט אויס דעם מאנטל. הענגט אים גלײַך אויף. לייגט אוועק די ביכער אף א פלאץ, און א פאק ליפלעטס — אפן טיש). ס'איז גאר צום לאכן פון די „סקול־טיטשערס". סטריי־קערס זײַנען בײַ זיי פײַנע מענטשן. און קאמוניסטן זײַנען ווילדע. זי האָט מיך הײַנט געסטראשעט מיט א פינגער, מיט טאָמער, כ'הער זי ווי די קאץ. (ער זעצט זיך בײַם טיש).

מאמע: — (דערלאנגט אים א גלאז טיי מיט איין שטיקל צוקער) וואס־זשע, האסט עפעס גערעדט אנטקעגן?

מיכל: — ניין. זי זאגט אונז, אז דער ערשטער מאי איז א געזונט־טאג. האב איך זיך אויפגעהויבן און געזאגט, אז דער ערש־טער מאי איז אן ארבעטער יאמטעוו, וואס איז שוין אלט העכער פערציק יאר און איז געבוירן געווארן אין אמעריקע.

מאמע: — עס איז דאך טאקע אן עמעסע זאך.

מיכל: — איז זי מיטאמאל געווארן אנגעצונדן און זאגט צו מיר „מייקל, שווײַג. אז ניט . . . א סאך קינדער האבן זיך שטילערהייט צושמייכעלט און געקוקט צו מיר. (עסט און זופט די טיי) נאכן לערנען האבן מיך די קינדער ארומגערינ־גלט. זיי ווילן וויסן, וואס איז אזוינס דער ערשטער מאי. איך וועל שוין קריגן נײַע פיאָנערן.

מאמע: — מיכל, איך וויל זאלסט זײַן א גוטער רעוואלוציאנער. איך וויל אבער דו זאלסט זײַן געלערנט. דײַן טאטן האט מען ארויסגעוואָרפן פון דער שול פאר אזעלכע זאכן. טו אזוי די ארבעט, אז מע זאל דיך ניט כאפן.

(מיכל לייגט דערווײַל אוים די ליפלעטס. די מאמע העלפט אים צונויפלייגן יעדן אין פירן).

מאמע: — מיכל, דו ביסט שוין שלעפעריק. לייג דיך שלאפן, וועסטו קאָנען אויפשטיין פרי.

מיכל : — יא, מאמע, דו דארפסט מיר ענדיקן די מייסע פון טאטנס פארשיקן קיין סיביר.

מאמע : — וואו האב איך נעכטן פארענדיקט ?

מיכל : — ס'איז געווען ביינאכט, ווען דער טאטע האט אויסגע־ מיילט אויפרופן צו דער מאי־דעמאנסטראציע, האט זיך בא־ וויזן א זשאנדארם און אים ארעסטירט . . . דו ווייסט, מא־ מע, דער לערער פון דער אידישער שול ווייסט אזוי פיל מייסעס פון רעוואלוציאנערן. און איצט וועל איך דער־ ציילן די מייסע פון מיין טאטן. דערצייל ווייטער, מאמע.

מאמע : — אין טורמע האבן די צארישע זשאנדארמען דעם טאטן געשלאגן, זיי האבן געוואלט ער זאל אויסזאגן ווער זיינע כאווירים זיינען, וועט מען זיי אויך ארעסטירן. אבער דער טאטע האט ניט אויסגעזאגט. מע האט אים צוגעזאגט א סאך געלט אבי ער זאל ווערן א פארעטער פון ארבעטער־ קלאס. אבער ער האט זיך אויסגעלאכט פון זיי.

מיכל : — און ס'האט אים ניט וויי געטאן די שמיץ, וואס ער האט געקראגן ?

מאמע : — ניין, מיין זון, אן עמעסער רעוואלוציאנער פילט ניט קיין קלעפ פון סוינע. — און מע האט דיין טאטן פארמישפעט צו פארשיקן קיין סיביר אף פופצן יאר. צווישן אייביקע פרעסט און שנייען איז דיין טאטע געשטאנען און געארבעט. שווער איז דארטן געווען זיין לעבן. די וועכטער זיינען געווען שלעכטע, גרויזאמע. זיי האבן געשלאגן און גפייניקט טאטער איז געפאלן אף איינעם א פארדאכט, אז ער וויל אנטלויפן. אבער דאס אפגעריסענע לעבן אין א פאר־ ווארפענעם ווינקל פון דער וועלט, האט געטריבן די פאר־ שיקטע רעוואלוציאנערן איינצושטעלן זייער לעבן און אנט־ לויפן פון דארטן. און איינמאל האט ער שוין ניט געקענט איבערטראגן די ליידן און איינזאמקייט, האט ער זיך גע־ לאזט לויפן איבער בערג און טאלן. קיין וועג האט ער ניט געוואוסט, קיין שטעג איז ניט געווען. ארום און ארום ליגן בערג מיט שניי. הימל און שניי, הימל און שניי. אבער ער איז געלאפן וואוהין די אויגן האבן אים געטראגן. גע־ לאפן און געפאלן, זיך אויפגעהויבן און ווידער געלאפן צווישן גרויסע בערג מיט אייביקן שניי —

(מיכל טוט זיך אויס שנעל, ער זאל א פאנים ניט פארלירן קיין איין ווארט פון דער מאמעס רייד.
ליינט זיך אריין אין בעטל)

מאמע : — אזוי איז ער געלאפן טעג און נעכט, טעג, און נעכט. וויפיל האט ער אליין ניט געוואוסט, ווייל ארום איז געווען

בלויז הימל און שניי, הימל און שניי — (שטיל) ער שלאפט שוין, מיין מיכעלע.

(מאמע זינגט שטיל)

און קומען וועט ער גאר אינגיכן
אונדז בויען א פרייע וועלט.
זארג ניט, זונ'עלע, ליבער מיכל,
דו וועסט אויך זיין א העלד —

(זי דעקט אים צו. גיט אים א קוש אפן שטערן. זי זעצט זיך אין א ווינקל :ווידער שטריקן די זאקן און ברומט אונטער דעם ניגון. סע ווערט אינגאנצן פינסטער).

## צווייטע סצענע

(דער זעלבער צימער. נאר פון א זייט איז אויסגעוואקסן א ראג פון א רויטן ציגלנעם מויער, א זייד-פאבריק. אף דער מיר איז אנגעשריבן מיט גאלדענע אותיעס: „זייד-פאבריק" פון דאהערטי און קאמפאני. די בעסטע און פיינסטע זיידענע שטאפן ווערן דא געמאכט". ס'איז פארטאג. די ביינאכטיקע ארבעטער גייען ארויס. זיי זיינען זייער מיד, פארמאטערט. די קעפ איינגעבויגן. נייע וועבער קומען אן. בייטאגיקע ארבע-טער. די אויגן זיינען כיי זיי פארקלעפט. זיך ניט אויסגע-שלאפן נענוג. ביי דער מיר שטייט מיכל, אביסל וויטער שטיי-ען נאך קינדער און טיילן אויס ליפלעטס. עס גייט דורך א פאליסמאן. די איבעריקע קינדער טראגן זיך אפ. מיכל גייט אריין אין דער מיר. מע הערט ווי ער רעדט צו די ארבעטער.)

**מיכל :** — באוויירים ! מיר שאפן זייד פאר די רייכע און מיר האבן ניט קיין גאנצע פראסטע הויזן און שיך אף זיך. ווען איר זאלט וועלן וואלטן מיר געהאט צו עסן גענוג און קליידונג.

**ארבעטער :** — (עס הערט זיך פריער א טומל דערנאך א קלארע שטימע) וואס-זשע דארפן מיר טאן, מיכל ?

**מיכל :** — קיינער וועט ניט ארבעטן פאר אייך. לייגט אוועק די ארבעט און הייסט זיך באצאלן מער סכירות. דער באס וועט מוזן נאכגעבן.

**שטימען :** — א סטרייק ! א סטרייק ! א סטרייק !

(מיכל באווייזט זיך מיט א רויטער פאן. ער צעוויקלט זי. נאך אים גייען ארבעטער שטאלץ. זיי מארשירן און זינגען. דא ווערט פינסטער. די קלאנגען האלטן אן ביז דער דריטער סצענע)

## דריטע סצענע :

(דערזעלבער צימער. נאר אפן ארט פון ציגל — מויער ראג, איז אויסגעוואקסן א פיאנע. אינמיטן שטייט א שיינער טיש.

אפן טיש א שיינער עלעקטרישער לאמפּ. מיכטער דאָהערטי רייך פאַרפּוצט, א געזונטער פעטער מאַן, זיצט און האַלט אין איין ציילן געלט, וואָס ליגט קופּעסווייז אפן טיש. העלן, זיין מיידעלע, אין א זיידן קליידעלע, זיידענע זאָקן, א זיידן סטענגעלע אין די האָר, זיצט בא דער פּיאַנאָ און שפּילט פון די נאָטן א שטילע מעלאָדיע. ווען העלן ענדיקט שפּילן, צעקלינגט זיך דער טעלעפאָן אפן טיש. מר. דאָהערטי נעמט פויל דאָס פּלעשעלע צום אויער)

מר. דאָהערטי : — העלאָו — יעס — קויפט דעם נייעם אַטאָמאָביל פאַר צוועלף טויזנט דאָלער — יעס קויפט אָפּ דעם שאָפּ פאַר פופציק טויזנט דאָלער — א ? — אָ יעס, עס וועט נאָך בלייבן הונדערט דריי און אכציק טויזנט דאָלער אין באַנק. גוט ־ביי. (הענגט אויף דאָס פּלעשעלע פון טעלעפאָן און ווענדעט זיך צו העלן). העלן, וואו זיינען ערגעץ דיינע כאַ־ווערטעס ? — איר האָט דאָך היינט געדאַרפט האָבן דאָ א פּאַרטי ? —

העלן : — יע, פּאַפּע, זיי וועלן באַלד קומען. פּאַ, דו האָסט שוין געזען די נייע קענדי, וואָס די מאַמע האָט מיר געקויפט ? —

מר. דאָהערטי : — ניין, טאָכטער, א נו, ווייז.

העלן : — (נעמט אַראָפּ פון דער פּיאַנע א גרויסע פּודלע, עפנט עס און טראָגט עס צו.) פאַרזוך, פּאַ.

מר. דאָהערטי : — (נעמט איינע.) א, זייער זיס, זייער גוט, מיין טאָכטער. (עס קומען אַריין העלנס כאַווערטעס. אַלע אין זיידענע קליידעלעך. זיי באַגריסן זיך. זיי שמייכלען און סוידען זיך. העלן גיט זיי קענדי און ווייזט זיי איר נייעם בוך נאָטן.)

העלן : — פאַרזוכט, מיידלעך, ס׳איז זייער גוטע קענדי.

מר. דאָהערטי : — זייער גוטע, זייער גוטע, עסט. (ציילט ווייטער דאָס געלט. די קינדער לאַכן און עסן. אַן אַנדער מיידעלע שפּילט א נומער אָף דער פּיאַנע. אַלע קינדער שטייען אַרום. ווען זי ענדיקט שפּילן, פּליעסקען זיי מיט די הענט.)

מר. דאָהערטי : — עפּשער, קינדער, וואָלט איר געטאַנצט א שיינעם טאַנץ ? —

העלן : — טאַקע, לאָמיר טאַנצן !

א מיידעלע : — לאָמיר דורכפירן דעם זיידענעם טאַנץ.

(צעטיילן זיך צו צוויי און טאַנצן און זינגען. איינע אַקאָמפּאַנירט אָף דער פּיאַנאָ.)

זיידענע קליידעלעך טראָגן מיר,
זיידענע מיידעלעך זיינען מיר.
זיידענע קינדערלעך — איינס און איינס,

זיידענע קליידעלעך — שיינס און שיינס.
זיידענע פיסעלעך טאנצן א טאנץ —
זיידענע בלימעלעך — פלעכטן א קראנץ.
זיידענע סמענגעלעך אף קעפלעך פון זייד,
זיידענע זעקעלעך אף פיסעלעך פון זייד.
זיידענע פאפעלעך — רייכע לייט,
גוטינקע מאמעלעך — ווייכע ווי זייד.

(דער טעלעפאן אפן טיש צעקלינגט זיך שטארק. מר. דאהערטי ניט זיך א כאפ האסטיק צום פלעשעלע. די קינדער בלייבן שטיין אין א טאנץ-פאזיציע.)

מר. דאהערטי: — העלאו — יעס — וואס הייסט ארויס אין סטרייק? — אלע זיינען אוועק? — טע ארבעט ניט? — ווער? — א אינגל? — מיכל דער פיאנער? — ער האט זיי אראפגענומען — ברענגט אים גלייך אהער! גלייך!

(ער הענגט אויף דאס פלעשעלע. אין פארזארגט. די מידעלעך שטעלן אויס אף אים דערשראקענע אויגן. זיי ציען אף שפיץ-פינגער צוריק. קומען זיך ענגער צענויף. זעצן זיך שטיל אראפ אין א ווינקל אפן דיל. העלן דערציילט א מיטע פון א „פאר-שלאסענער פרינצעסין". די גאנצע מיטע דערציילט זי נאר מיט באוועגונגען. די קינדער און וואנדערן זיך דורך באוועגונגען. ס'הערט זיך ניט קיין ווארט. קוקט בייז אף דער סטע-ליע. מאכט א פויסט. עס עפנט זיך שטיל די טיר. דער פאר-וואלטער קומט אריין מיט מיכלען.)

פארוואלטער: — (בייגט זיך פאר דאהערטין אין דרייען ווי א שקלאף) גוטן-אוונט, מיין הער, כ'האב אייך געבראכט מיכל דעם פיאנער, וואס האט אראפגענומען אלע ארבעטער אין סטרייק.

(מיכל שטייט שטאלץ. קוקט אף דעם געלט. ווייזט מיט דער האנט און שאקלט מיטן קאפ, ווי אייגער רעדט: „אונדזערע עלטערן ארבעטן שווער און בא ז י י ליגט דאס געלט! מר. דאהערטי ענטפערט ניט אפן פארוואלטערס ווערטער. ער גיט א מאך מיט דער האנט. דער פארוואלטער גייט ארויס)

מר. דאהערטי: — מיכל, זעץ זיך אוועק.

מיכל: — (האלט דאס היטל אין דער האנט. זעצט זיך אוועק) איך וואלט אייך געדאנקט, ווען איר זענט אן ארבעטער.

מר. דאהערטי: — אין א באלעבאס דאנקט מען ניט?

מיכל: — פארוואס זאל איך אייך דאנקען? — האט איר דען גע-קויפט דאס בענקל מיט אייער ארבעט? — דאס האבן אר-בעטער געהארעוועט פאר דעם.

מר. דאהערטי: — אזוי? — (שמייכלט) זאג נאר, פארוואס האסטו אראפגענומען די ארבעטער פון מיין שאפ? —

מיכל: — איך האב קיין כוח נים אראפצונעמען אזוי פיל ארבעטער, זיי זיינען שווער. איך האב זיי נאר געזאגט, אז זיי זאלן אראפגיין אין א סטרייק, זיינען זיי אליין געגאנגען.

מר. דאהערטי: — אזוי? — (שמייכעלט) אבער פארוואס האסטו זיי געהייסן זיי זאלן סטרייקן? —

מיכל: — דו דארפסט בעסער וויסן פון מיר. ווייל אויב זיי האבן מיך געפאלגט, אזא קליין אינגל, איז א סימן, אז ס'איז זיי זייער שלעכט געווען בא דיר.

מר. דאהערטי: — איך זע, אז דו ביסט זייער א קלוגער, מיכל, דו וועסט אמאל זיין א גרויסער געשעפטסמאן און א רייכער מענטש.

מיכל: — איך וויל נים זיין רייך.

מר. דאהערטי: — (פארוואונדערט) פארוואס?

מיכל: — ווייל רייך קען מען ווערן נאר פון פרעמדער ארבעט. איך וויל נים ווערן קיין קאפיטאליסט פון א צווייטנס הארעוואניע.

מר. דאהערטי: — וואס טוט דיין טאטע?
מיכל: — ער איז א וועבער.
מר. דאהערטי: — נו, איז אים גוט?

מיכל: — ניין. ער ארבעט א גאנצע נאכט. און פאר א וואך ארבעט קריגט ער צוואנציק דאלער. לעבן מיר זייער ארים.

מר. דאהערטי: — איז דאך נים גוט צו זיין אן ארבעטער.

מיכל: — איצט איז נים גוט. אבער ס'ע וועט קומען א צייט, ווען די ארבעטער וועלן אראפווארפן די באסעס. זיי וועלן אליין אנפירן מיט די שעפער. דעמאלט וועט זיי זיין גוט.

מר. דאהערטי: — אבער דערווייל?

מיכל: — דערווייל ארבעטן אונדזערע עלטערן שווער און לאנגע שטונדן. מיר וואוינען אין אריםע הייזער. טראגן אריםע קליידער. עסן הערינג מיט ברויט. (ווייזט אף העלענען) און אייערע קינדער טראגן דאס זייד, וואס אונדזערע עלטערן וועבן. איר פארט אף שיינע אטאמאבילן. וואוינט אין פאראפוצטע הייזער, (ציינט) איר האט זעק מיט געלט. אבער דאס אלץ איז נים אייערס. נים אייערע הענט האבן דאס פארדינט. אבער עס וועט קומען א טאג און די ארבעטער וועלן אלעס צונעמען פון אייך. (העלן מאכט א צוריק-באוועגונג. שרעק.) און אלעמען צעטיילן גלייך. אלע וועלן דארפן ארבעטן און לעבן גלייך. עס וועט נים זיין קיין ארים און רייך.

מר. דאהערטי: — הער, מיכל, וואס טויג דיר רעדן נארישקייטן. נא דיר הונדערט דאלער (דערלאנגט אים א פעקל) קויף דיר נייע זאכן. קויף דיינע עלטערן גוטע זאכן. נאר זאג די אר־בעטער זיי זאלן זיך אומקערן צו דער ארבעט. (העלן בלייבט שטיין מיט פינקלענדיגע אויגן און אפענעם מויל).

מיכל: — (נעמט דאס געלט, צעשמייכלט זיך און גיט עס א שמיץ אפן טיש) דו ווילסט מיך אפקויפן מיט געלט? — ניין, נים מיך. מיין טאטן האט מען אויך געוואלט אפקויפן. אבער איך וועל אויך קיינמאל נים זיין קיין פאררעטער פון מיין קלאס. איך וועל קעמפן וויפיל איך וועל לעבן. נידער מיט די קאפיטאליסטן!

מר. דאהערטי: -- (ווערט בייז. העלן ציטערט. ער הייבט זיך אויף און שרייט) ארויס די שלעפער פון דאנען. איך וועל דיך ארעסטירן. (ער קלינגט אין א גלעקל. עס קומט אריין א דינער) ווארף אים ארויס!

דינער: — ניין, מיין הער, מיכל דעם פיאנער ווארפט מען נים ארויס. ער איז פון אונדזער ארבעטער־קלאס.

מיכל: — (שמייכעלט) מר. דאהערטי, איר דארפט זיך נים בייזערן, נאר ציטערן מעגט איר, ווי עס ציטערט אייער טאכטערל (ציינט אויף דער זיידענער קליידעלע). מיר זיינען א סאך און איר זענט איינער. דארטן אין דרויסן שטייען מיינע כאווירים. מיר זיינען שטארק. (גייט אפ זינגענדיק)

שטייט אויף איר אלע, ווער ווי שקלאפן
אין הונגער לעבן מוז און נויט!

(פון דרויסן הערט זיך א גאנצער כאר)
דער גייסט — ער קוכט, ער רופט צו וואפן,
צום שלאכט אונדז פירן איז ער גרייט.
(די קינדער הייבן אן מיט פאמעלעכע טריקסטריט ארויסגיין.)
א שטימע: (פון דרויסן) לאנג לעבן זאל מיכל דער פיאנער!

כאר: — (פון דרויסן)
די וועלט פון גוואלטאטן און ליידן
צעשמעטערן וועלן מיר, און דאן —

(מר. דאהערטי ווערט ווילד)
פון פרייהייט, גלייכהייט א גן־עדן
באשאפן וועט דער ארבעטס־מאן.
דער דינער רוקט זיך פאוואליטקע צו דער טיר. פארשטעלט זיך דאס מויל און העלפט דעם כאר.)
דאס וועט זיין שוין דער לעצטער

און אנטשיידענער שטריים!
מיט דעם אינטערנאציאנאל
שטיים אויף איר ארבעטס-לייט!

א שטימע: — (פון דרויסן) נידער מיט מר. דאהערטי!
שטימען: — (פון דרויסן) סטרייק, סטרייק, סטרייק!

כאר: —
דער ארבעטס-מאן וועט זיין מעמשאלע
פארשפרייטן אף דער גאנצער ערד,
(דער דינער און די מיידעלעך נייען ארויס.)
און פאראזיטן א מאפאלע
באקומען וועלן פון זיין שווערד.
(מר. דאהערטי צעשויבערט זיינע האר. שטופט זיין פעק מיט נעלט אין די קעשענעס. עס ווערט טונקעלער, טונקעלער. ביז עס ווערט פינסטער הערט זיך)
אראפ דעם יאך! גענוג געליטן,
גענוג פארגאסן בלוט און שוויים!
צעבלאזט דאס פייער, לאמיר שמידן,
קאל זמאן דאס אייזן איז נאך הייס.

**פירטע סצענע:**

(פונקט ווי אין דער ערשטער סצענע. מיכל שלאפט. די מאמע איז שוין אויפגעשטאנען. זיצט ביים טיש און פארריכט זיין העמדל. מיכל'ס פאטער קומט אריין א מידער פון דער נאכט-ארבעט)

הערש-בער: — גוט-מארגן!
מאמע: — גוט-יאר! שוין אפגעשקלאפט?
מיכל: — (פון שלאף) דאס וועט זיין, שוין דער לעצטער
און אנטשיידענער שטרייט,
מיט דעם אינטערנאציאנאל
שטיים אויף איר ארבעטס-לייט.
(די עלטערן צעלאכן זיך. נייען צו צו זיין בעט. מיכל הייבט זיך אן צוווארפן און שרייען מיט פארשטיקטע קולות. כאפט זיך אויף)

מיכל: — ער וויל מיך אפקויפן?
מאמע: — ווער, מיין זון?
מיכל: — מר. דאהערטי
הערש-בער: — פארוואס? —
מיכל: — דערפאר וואס איך האב ארונטערגענומען זיינע ארבעטער אין סטרייק.
מאמע: — (שמייכעלט) ווען?
הערש-בער: — אין כאלעם?

מיכל: — (קוקט זיך ארום) וואס, ס'איז טאקע ניט געווען מער ווי אין כאלעם?

מאמע: — דערווייל, מיין זון, נאר א כאלעם. אבער איצט טו זיך אָן. דארפסט היינט פארשפרייטן אויפרופן צו די ארבעטער פון דאהערטים שאפ.

(מיכל גיט זיך א ווארף אראפ פון בעט. שלעפט ארויף די הייזלאך און איז שוין אנגעטאָן. זיין מאמע לייגט זיך א מידער אוועק)

הערש-בער: — כ'וועל שפעטער עסן. כ'וועל כאפן א דרימל.

מיכל: — (צו דער מאמען) א גאנצע נאכט געארבעט שווער.

מאמע: — (קוקט אים אין די אויגן) יא, מיין זון.

(מיכל טרינקט שטייענדיק א גלעזל טיי מיט א שטיקל צוקער. א בייגל בייסט ער. פון דרויסן הערט זיך: „מיכל, מיכל, דו ביסט שוין פארטיק?”)

מאמע: — ענדיק די טיי (זי עפנט די טיר און רופט אריין די קינדער.)

מיכל: — איך בין שטענדיק גרייט!

הערש-בער: — קינדער, קינדער, העלפט אונדז מאכן א רעוואלוציע. כאווער לענין האט געזאגט אז איר דארפט אונדז העלפן.

קינדער: — מיר זיינען שטעגדיק!

(מארשירן ארויס)

איינס, צוויי, דריי,
פיאָנערן זיינען פריי,
מיט קעמפן מיט די ארבעטער
קענן שקלאפעריי.
נידער מיט די רייכע,
נידער מיט'ן געלט,
מיר'ן מיט די ארבעטער
בויען אַ נייע וועלט.
איינס, צוויי, דריי —
(פארהאנג.)

# עוויקשאָן

(א ראַנ. [illegible] זמיען דריי קינדער און היטן די בינע.
טיילן אוים ליפלעטס.)

סאל — דו װעסט יענע הויז? היינט װעט מען ארויסװארפן די פאמיליע.

פאל — מיר װעלן ניט דערלאזן.

פיל — אליין װעלן מיר דאס ניט קענען טאן. סאידן עס װעלן קומען א סאך ארבעטער און אונז העלפן.

סאל — עס װעט קומען דער לערער מיט די קינדער פון שול. עס װעלן קומען די מיטגלידער פון שול־פאראיין און אלע מיט־גלידער פון ברענטש פון אינטערנאציאנאלן ארבעטער ארדן.

פאל — ביז זיי װעלן קומען װעט מען דערװייל ארויסװארפן די פאמיליע.

פיל — דו קריטיקירסט שטענדיק, אבער אז ס׳קומט צו ארבעט ביסטו א פוילער. דו האסט דאך ניט געװאלט אננעמען אין דער קאמיטע.

פאל — אבער איך האב אנגענומען.

(פון דערװייטנס הערט זיך דער געזאנג „סאלידאריטי״)

סאל — זיי קומען, זיי קומען. (כאפט זיך ארויף אויף דער בינע). ארבעטער־פרויען, ארבעטער־מענער און ארבעטער־קינדער! דאָ װעט באלד אפגעהאלטן װערן אן אפען עיר מי־טינג פון דער קינדער־שול ביים אינטערנאציאנאלן ארבע־טער ארדן. מיר װעלן ניט דערלאזן, אז מען זאל ארויס־װארפן קינדער אויף דער גאס. קומט נענטער. (עס קומען צו מענטשן פון גאס. עס קומט אן די שול מיט פלאקאטן: „מיר פאדערן שיך, קליידער, קארפער, מילך פאר די קינ־דער פון ארבעטלאזע). דער ערשטער רעדנער װעט זיין אונדזער לערער.

קינדער — לאנג לעבן זאל די קינדער־שול, װאס פירט א קאמף פאר די קינדער פון ארבעטלאזע.

קינדער — הורא, הורא, הורא!

לערער — מענער, פרויען און קינדער! היינט װילן די באסעס ארויסװארפן א פאמיליע אויף דער גאס. דארטן זיינען דא זעקס קינדער, װאס האבן ניט קיין שיך און קענען אין שול ניט גיין. די קינדער זיינען קראנק, װייל זיי האבן ניט װאס צו עסן. װעלן מיר דערלאזן, אז מען זאל די קינדער ארויס־װארפן אין דער גאס?

קינדער — ניין, ניין!

לערער — װי אזוי װעלן מיר קענען אפשטעלן די עװיקשאן?

קינדער — מיר װעלן ניט לאזן.

לערער — אבער מיר אליין קענען דאס ניט טאן. אויב די ארבע־טער פון דעם גאנצן בלאק װעלן ניט פארשטיין, אז היינט װארפט מען ארוים דעם שוסטער קאהען מיט די קינדער, װעט מען מארגן ארויסװארפן א צװייטע פאמיליע. און דאס, װאס די באסעס װילן מיר זאלן שטארבן פון הונגער, װעלן מיר דערלאזן?

אלע — ניין, מיר וועלן נים לאָזן.
ארבעטער — אַם טראגט מען שוין ארויס די בענקלעך פון זיין הויז, קומט צוריק ארייגשטעלן די מעבל.
שטימען — קומט אלע. (אלע לאָזן זיך צו, שטעלן אריין די בענקלעך. אן ארבעטער כאפט זיך ארויף.)
ארבעטער: — פרויען און מענער! ערשט היינט האב איך זיך איבערצייגט, אז איך האב ביז איצט געלעבט בלינד. מיינע קינדער האבען זיך געלערנט אין אן ארבעטער־רינג שול. אבער וואו זיינען די קינדער פון ארבעטער־רינג שול? פירן זיי א קאמף פאר די ארעמע? — ניין. פון איצט אן און ווייטער וועל איך שיקן מיינע קינדער אין דער שול ביים אינטערנאציאנאלן ארבעטער ארדן.

קינדער — זאל לעבן די קינדער־שול ביים אינטערנאציאנאלן ארבעטער ארדן.
קינדער — הורא! הורא!
לערער — קינדער, ווער וויל דעקלאמירן א ליד?
קינדער — איך, איך, איך!
(דער לערער רופט ארויס א פאר קינדער, זיי דעקלאמירן. קריגן אוואציעס.)

לערער — איצט וועלן מיר זינגען א פאר לידער. (מען זינגט.)
מאמע (שטעלט זיך ארויף מיט א צעריסן שיכל אין דער האנט) — ארבעטער־פרויען און ארבעטער־מענער. זעט דאס שיכל, אזעלכע שיך טראגן די קינדער פון דער פאמיליע, וואס מען האט געוואלט ארויסווארפן פון הויז. דענקט איר, אז מיר וועלן דערלאזן אזא זאך?
אלע — ניין, מיר וועלן פאדערן נייע שיך פאר די קינדער.
מאמע — דער שול־פאראיין איז די איינציקע ארגאניזאציע, וואס זארגט זיך פאר די קינדער אויף דער גאס. יעדער איינער פון אייך דארף זיך גלייך אנשליסן אין שול־פאראיין, מיר דארפן אויסקלייבן א קאמיטע און גיין צום פרינציפאל פון דער סקול און אים פרעגן: „איר ווילט, אז אונדזערע קינדער זאלן גיין אין סקול, ווי אזוי קענען זיי גיין, אז זיי האבן צעריסענע שיך?
מאמעס — מיר וועלן גיין מיט אייך.
מאמע — ווער עס וויל גיין מיט מיר זאל אויפהויבן די האנט!
(עס הויבן זיך א סאך הענט)
קינד — מיר וועלן אלע גיין צו דער סקול אין א דעמאנסטראציע, מיר וועלן פאדערן פאר אלע קינדער שיך און קליידער און עסן.
אלע — ריכטיק, ריכטיק!
קינד (הויבט אויף די פאן פון קינדער־ברענטש) — קינדער, הייבט אויף אייערע פלאקאטן, שטעלט זיך אויס צו צווייט, ארגאניזירט און דיסציפלינירט, וועלן מיר גיין אין קאמף פאר א בעסער לעבן:
(מען שטעלט זיך אויף. מיט לידער, מארשירט מען אוועק.)

# כאָוער לענין האָט געראַטעוועט

*(אַף דער בינע איז טונקל. קינדער זיצן אַרום טישן. אַף די טישן
זיינען אָנגעשטעלט זיסע זאַכן. שטיל. די ווענט זיינען באַצירט
מיט בילדער פון רעוואָלוציאָנערן. אַ גרויס לענין בילד אינמיטן
אין דער גאַנצער פיגור. איבערן בילד אַ גרויסע אויפשריפט:
„זאָל לעבן די פּאַריזער קאָמונע!")*

פאַרזיצער: — קינדער, אונדזער קאַפּיטאַליסטישע רעגירונג האָט
אונטערדריקט די אָרגאַניזאַציעס פון דער אַרבעטער באַ-
וועגונג. די קאַפּיטאַליסטן האָבן צונעמאַכט אונדזערע אַר-
בעטער קינדער שולן. אונדזערע טאַטעס און עלטערע ברי-
דער האָט מען אַוועקגעשיקט זיך שלאָגן קעגן סאָוועטן-
פאַרבאַנד. זיי ווילן פאַרניכטן, אויסהונגערן די אַלע מענטשן
וואָס זיינען קעגן רויב און מילכאָמעס. אינ'ם טאָג פון
דער פּאַריזער קאָמונע האָבן מיר זיך דאָ פאַרזאַמלט צו
דערמאָנען די העלדישקייט פון די קאָמונאַרן. היינט וועלן
מיר זיך דאָ שטאַרקער אָרגאַניזירן צו קעמפן קעגן די קאַ-
פּיטאַליסטן. קעמפן פאַר דער באַפרייאונג פון אונדזערע
טאַטעס און מאַמעס, וואָס שמאַכטן אין די טורמעס. קעמפן
קעגן מילכאָמע. קעמפן פאַר אַ סאָוועטן רעגירונג אין אונדזער
לאַנד. און אויב עס וועט נייטיק זיין, וועלן מיר אַוועקגעבן
אונדזערע לעבנס פאַרן קאַמף, ווי עס האָבן דאָס געטאָן
אונדזערע כאַווירים, די קינדער קאָמונאַרן אין פּאַריז אין
1871. יעדעס וואָרט און יעדע באַוועגונג היינט אונדז מוז
זיין אַזוי שטיל, אַז דער סוינע זאָל ניט הערן. פּיאָנערן, זייט
איר גרייט?

אַלע: (הייבן זיך אויף, סאַלוטירן שטיל) — שטענדיק גרייט!

פאַרזיצער: — מיר עפענען אונדזער אָוונט מיט'ן אינטערנאַציאָנאַל.

אַלע: (זינגען שטיל דעם אינטערנאַציאָנאַל.)

פאַרזיצער: — טויזנטער אַרבעטער, פּויערים און קינדער זיינען
געפאַלן אַף די באַריקאַדן פון דער פּאַריזער קאָמונע. טויזנ-
טער העלדן זיינען געפאַלן אין קאַמף מיט די קאַפּיטאַליסטן.
הונדערטער טויזנטער טאַטעס און מאַמעס און קינדער
פאַלן איצט. לאָמיר דערמאָנען זייערע נעמען און שווערן
צו פירן ווייטער דעם קאַמף.

אַלע: (סאַלוטירן) — מיר שווערן צו טערפּ און האַמער און רויטער
פאָן ווי בראַווע פּיאָנערן קעמפן ביזן לעצטן טראָפּן בלוט.
שטענדיק גרייט!

פאַרזיצער: — מיר האָבן צוגעגרייט אַף היינט אָוונט אַ רעוואָלו-
ציאָנערע פּראָגראַם. דער ערשטער נומער וועט זיין „אַף באַ-
ריקאַדן", אַ ליד פון היונאַ, דריי אינגלעך פון פּיאָנערן קרייז
1 וועלן עס דורכפירן. (דריי אינגלעך, טרעטן אויף).

שרייבער: — „אַך באַריקאַדן, וואו בלוט וואו זודיקס רינט
האָט מען פאַרכאַפּט א צוועלפיאָריק קינד
צוזאַמען מיט די קאָמונאַרן אין געפענגעניש.

אַפּיצער: — ביסטו אויך מיט זיי געווען?

קינד: — איך־בין מיט זיי אינאיינעם!

אַפּיצער: — אַזוי, מע שטעל זיך אין דער ריי. זיי וויסן
מיר דאַרפן דיך, מיר וועלן דיך צעשיסן.

שרייבער: — א הייב געטאָן די ביקסן, א קנאַל און בא דער וואַנט
כאַוויירים טויטע פאַלן האַנט בא האַנט.

קינד: — דערלויבט מיר גיין אהיים,
דאס לעצטע מאָל די מאַמע זען, זי וואַרט אַף מיר!

אַפּיצער: — דו ווילסט אַנטלויפן?

קינד: — ניין, הער קאַפּיטאַן.

אַפּיצער: — וואו וואוינסטו דאָ?

קינד: — נים ווייט. אָט דאָרטן, באַם פאָנטאַן.

אַפּיצער: — נו, שפּאַן.

שרייבער: — און די סאָלדאַטן האָבן אויך געלאַכט:
דער קליינער, ער האָט אים אָפּגענאַרט.
און דער סאָלדאַטישער געלעכטער מישט זיך אוים
מיט קרעכצן לעצטע, מיט ווײַ געשרייען פון גויסעם
און פלוצים — שאַ; די גאַנצע מאַכנע שטוינט.
דאס אינגל גייט צוריק, אָט איז ער שוין,
ער גייט פאַרביי און צו דער וואַנט זיך שטעלט
און וואַרפט מיט שטאָלץ:

קינד: — נו, שיסט, פילט אוים אייער באַפעל!
(די דריי קינדער זעצן זיך אַוועק)

פאַרזיצער: — מיר וועלן פאַרשטעלן א צווייטע גרופּע מיידלעך
פון פּיאָנערן קרייז 2, וואָס וועלן פאַרשטעלן דורך טענץ
דעם קאַמף פון דער פאַריזער קאָמונע. (די מיידלעך פירן
דורך טענץ אונטערן אַקאָמפּאַנימענט פון שטילע טענער
פון א פּיאַנאָ)

פאַרזיצער: — די מערסטע פּיאָנערן וואָס זיינען דאָ היינט פאַר־
זאַמלט געדיינקען אונדזער לערער פון דער אַרבעטער קינ־
דער שול. דער אָנפירער פון פּיאָנערן קרייז וועט פאַר־
לייענען א בריוו וואָס ער האָט געקראַגן פון אונדזער לע־
רער. כאָטש די קאַפּיטאַליסטן האָבן אים מיט גוואַלד
אוועקגעשיקט אפן שלאַכטפעלד, האָט ער שוין זייער פיל
פּראָפּאַגאַנדע פאַרשפּרייט צווישן די אַמעריקאַנער סאָל־
דאַטן און העלפט דורך דעם, דעם אַרבעטער קלאַס.

אנפירער: — עס הילכן די הארמאטן, דער הימל איז רויט פון די פייערן און פלאמען, אבער אין יעדן אויסגעמזאמערטן סאלדאט ליגט באהאלטן א פייערל פון האפנונג. מיר גרייטן צו אן אויפשטאנד. מיר וועלן אוועקגעבן אונדזער לעבן פאר דער רעוואלוציע, וואס וועט (עס עפנט זיך די טיר און עס קומען אריין צוויי פאליציילייט. די קינדער ווערן אביטל דערשראקן.)

1-טער פאליציימאן: — וואס האט איר זיך דא פארזאמלט? ס'איז קריגסצייט און קיינער טאר קיין מיטינגען ניט האלטן.

פארזיצער: — דאס איז ניט קיין מיטינג. מיר האבן א סימכע.

2-טער פאליציימאן: — א סימכע? מיר ווייסן שוין די מייסעס. און וואס איז דאס פאר אן אויפשריט? (לייענט שווער) „זאל לעבן די פאריזער קאמונע", און ווער איז דער מאן? (ווייזט אף לענינ'ס פיגור).

פארזיצער: — וואס מיינט דען די אויפשריפט, וואס מאכט אויס די פיגור, איר דארפט דאך וויסן?

1-טער פאליציימאן: — א דו קליינער. צו קלוג זיינען דיינע רייד. קליינע קאמוניסטלעך זייט איר. מיר וועלן אייך באלד פארפאקן אין וואגן, ווי הערינג אין א פעסל. נו, זאגט שנעל, צו וואס האט איר זיך דא פארזאמלט?

קינד: — איך וועל דיר זאגן. (קינדער קוקן זיך איבער) ניט שרעקט זיך פיאנערן. לענין האט אנגעזאגט צו פירן א קאמף! איר זעט די פיגור? דאס איז כאווער לענין, דער פירער פון די ארבעטער איבער דער גאנצער וועלט.

פאליציילייט: — לענין? (הייבן די דובינעס) מיר וועלן אים צעשמעטערן אף שטיקלעך. (לאזן זיך צו אים).

לענין פיגור: — (הייבט א האנט, באפעלט) האלט, שקלאפן. לאזט צורו די קינדער. בא אייך אין די הייזער זיינען אויך דא קינדער. וואגט ניט הויבן אייער האנט. די קינדער וועלן מארגן ארויס אין קאמף פאר זייער און פאר אייער באפרייאונג. שטיל, גייט אהיים. (די פאליסלייט האלטן זיך אף צוריק. סאלוטירן און פארלאזן צוריק-וועגס שטיל. פיאנערן קוקן זיך איבער.)

פארזיצער: — איז דאס א וואונדער? לענין האט דאך אונז ניט אזוי געלערנט.

שרייבער: עפשער?

איינער: — עפשער?

קינד: — ניין, עס קען ניט זיין.

אלע: — ניין, עס קען ניט זיין.

קינד: — עמיצער איז דא באהאלטן. (פיאנערן לאזן זיך מיט פאר־זיכט צו דער פיגור.)

לערער: — (אין סאלדישן שינעל, פארוואקסן דאס פאניט) זייט געגריסט, כאווירים פיאנערן! (קיינער דערקענט אים נים).

פארזיצער: — זייט געגריסט כאווער סאלדאט. אבער ווער זייט איר?

לערער: — (נעמט אראפ דאס היטל) איך בין אייער כאווער. (צע־שמייכלט).

קינד: — אוי, אונדזער לערער, כאווער לערער.

שרייבער: — כאווער לערער.

אלע: — כאווער לערער.

לערער: — קינדער, שטילער. סוינע קאן נאך דערהערן. איינמאל האבן מיר אים געגארט. דאס צווייטע מאל וועט ער זיך כאפן.

פארזיצער: — אבער ווי קומסטו אהער?

קינד: — דערצייל.

לערער: (זעצט זיך אוועק. ארום אים זאמלען זיך אלע קינדער) איך בין געשיקט אהער געווארן אויפצוהייבן דא די מאמעס און די קינדער צום קאמף קעגן מילכאמע. צוערשט האב איך געוואלט זען צי פיאנעריע איז גרייט. ליג איך שוין דא א האלבן טאג. יא, פיאנעריע איז גרייט. מארגן וועלן מיר ארויסטרעטן אף די גאסן.

פארזיצער: — וועט מען נים שיסן אף אונדז און אונדזערע מאמעס?

קינד: — און אז מען וועט שיסן איז וואס?

שרייבער: — מיר דארפן זיין גרייט אף יעדער זאך.

אלע: — שטענדיק גרייט.

לערער: — אין קאמף פאר לענינס געבאטן. (סאלוטירט) פיאנעריע, ביסטו גרייט? (סאלוטירן) שטענדיק גרייט!

(מיט געזאנג „רויטן האלזטוך" פארמאכט זיך דער פארהאנג)

# געזאַמלטע שריפטן

— פון —

## שלוימע דאַווידמאַן

ערשטע זאַמלונג: „וואָס די גאַס דערציילט."

צווייטע זאַמלונג: „קינדער פון נידיאָרק."

דריטע זאַמלונג: „סאַ קינדער שפּיל"

---

1. מיר ווילן ברוים.
2. די לעוואנע צו גאסט באב סערפ און האמער.
3. יאנטעוו אין שול.
4. די מאמע עלא מעי.
5. יאנקל פאנקל פון קינדערלאנד.
6. דער וויינענדיקער קעמפער.
7. דאס ערשטע נעגערל.
8. כאווער לעניז האט געזאגט.
9. דער פיאנער מיכל און דער פאבריקאנט דאהערטי.
10. עוויקשן.
11. כאווער לעניז האט נעראטעוועט.